בס"ד / שנה ו' / פרשת שמות / נומער 296

# קרענצל


**עידנו**
נייע עססעסער אין ליבערטי

**וועלטליכע נייעס**
אמעריקע פארכאפט וועגעזועלע פרעזידענט

**א ווארט צוויי**
נישט שלאגן מיט עצת אמונה

**א בריוו פונעם ראש ישיבה**
דער גבאי האט מיר פארשעמט

**געדאנקען**
וואס גייט פאר אין וועגעזועלע?




# דערהויבענע נסיעה

מחזק צו זיין אנ"ש אין ארץ ישראל

ליינט אן ערשטהאנטיגן דעטאלירטן באריכט פון דעם דערהויבענעם נסיעה, דורכן באגלייטער האברך מו"ה יעקב פיש הי"ו.



הילולת רבי נתן זכותו יגן עלינו אין בני ברק

**בס"ד**

פרשת
שמות
תשפ"ו

**נומער**
**296**

שנה ו'

| | |
|---|---|
| **04** | שער בלאט |
| **06** | עירנו |
| **08** | וועלטליכע נייעס |
| **10** | אלץ און אלעמען |
| **11** | א ווארט צוויי |
| **12** | בריוו פון ראש ישיבה |
| **13** | מעשיות פון תפלה |
| **14** | פשרה'לאך |
| **16** | געדאנקען |
| **18** | א מעשה פון א צדיק |
| **20** | קוק אהער |
| **22** | א נסיעה מיטן ד"ר |



















**רעדאקטאר:** אברהם הערש וועבערמאן, **רעדאקציע:** אברהם יצחק אייזנער, אברהם משה הכהן שטראססער, אהרן קליטניק, בערל שניצלער, משה ראזענבערג, גרשון קרעמער, יואל וועבערמאן, יואל שניצלער, יודא לייב ווייס, ישראל דוד העסקעל, מ. מאנן, משה ארי' שניטצלער, שמואל אייכנשטיי

בלעטל

**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**bletelmagazine@gmail.com**
צו באקומען אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
**ארץ ישראל:** 053.315.6938



כל הזכיות שמורות. עס איז נישט ערלויבט צו קאפירן
שטיקלעך פונעם בלעטל אן צושרייבן פון וואו עס קומט.

אלע טייערע אנשי שלומינו וואס האבן
מאיזה סיבה שהוא נישט געקענט
אנקומען צום מסיבה און אויסרופן:

# "הנני"

## איך בין גרייט!

## ערווארט אייער רוף!

אונזער ציל: 250 אנשי שלומינו זאלן זיך אנשליסן אינעם
בויען א בית התבשיל אזוי ווי דער רצון פון מוהרא"ש איז געווען.

קרן הבנין

*sruliHeskel

אברהם הערש וועבערמאן

# אן קיין געפיל

א

ין גאר א אינטערעסאנטע פאל, איז אויסגעקומען דעם פארגאנגענעם שבת ויחי אז אין האשקי שול האט מען גערעדט פונעם זעלבן נושא וואס דער ראש ישיבה האט גערעדט שבת אין ישיבה.

די תמצית בייביידע מקומות איז ארויסגעקומען אז מ'דארף טון די עצות וואס דער הייליגער רבי לערנט אונז אפילו מ'האט נישט קיין געפיל. דער ראש ישיבה האט עס צוגעשטעלט צו א משל פון א דאקטער וואס געבט פארן חולה א מעדעצין צו איינעמען יעדן טאג, אבער דער חולה האט נישט קיין חשק דאס צו נעמען, ער גלייכט עס נישט, אבער אז דער חולה וויל ווערן געזונט דארף עס דאס נעמען, אפגעזען אויב ער האט א געפיל צו דעם אדער נישט. אז דער רבי זאגט אונז די וועג וויאזוי צו תשובה טון, דארף מען דאס טון, אפגעזען אויב מען פארשטייט אדער נישט.

אין שטעטל האט דער מנהל מו"ה אברהם משה שליט"א עס ארויסגעברענגט אויף אביסל אן אנדערע מהלך: אז א אינגערמאן זיצט אין היכל הקודש אן זיך מחדש זיין יעדן טאג מיט די עצות, איז דאס א ריזיגע סכנה, עס איז אזוי ווי וואסער וואס זיצט אין א טאנק פאר א לאנגע צייט, וואס בעצם וואסער איז דאך גאר א גוטע און וויכטיגע זאך פארן מענטש, אבער אויב זיצט דאס א לענגערע צייט הייבט דאס אן באקומען באקטעריעס, און עס איז א גרויסע סכנה צו טרינקען די וואסער.

אויב זיצט מען ביים רבי'ן מיט אן אלטקייט, קען דאס שרעקליך אויפרייסן אויף א שרעקליכע פארנעם. דאס איז אסאך ערגער ווי איינער וואס איז נאכנישט אנגעקומען צום רבי'ן.

נו, וואס איז די עצה דערפאר? די עצה איז צו רעדן צום אייבערשטן 60 סעקונדעס יעדן טאג, זיך מאכן א חשבון יעדן טאג וואס מ'באקומט דא ביים הייליגן רבי'ן, און די וויכטיגסטע חלק איז נישט צו ווארטן אויף די געפילן וואס מ'האט געהאט ווען מ'איז אנגעקומען, ווייל דאס קען מען שוין נישט האבן. גיי מיטן מצב פון וואס דו ביזט היינט און מיט דעם זיי אן ערליכער איד.

די אידן אין מצרים האבן געשריגן צום אייבערשטן, אזוי ווי מ'זעט די וואך אין די סדרה, איר קענט אייך אויס'משל'ן וויאזוי די תפילות האט אויסגעזען, די אידן זענען נישט געווען דעמאלט אין א מצב וואס אלעס איז זיי גוט געגאנגען, נאר אדרבה, זיי האבן אסאך מיטגעמאכט אין יענע צייט, די תפילות איז נישט ארויסגעקומען ווען די געפילן צום אייבערשטן זענען געווען אין א גוטע מצב, זיי האבן געשריגן צום אייבערשטן ווייל זיי האבן געוויסט אז דאס און טאקע נאר דאס קען זיי יעצט העלפן אין דעם מצב.

און טאקע די צוריסענע תפילות וואס איז ארויסגעקומען פון די צובראכענע הערצער האט געשפאלטן הימלען און זיי ארויסגענומען פון גלות מצרים.

אז מ'האלט יעצט ביי די טעג פון שובבי"ם זאלסטו נישט ווארטן אויף א געפיל פון תשובה, א געפיל אין א דאווענען, א געשמאק אין זאגן משניות, קוק נישט אויף דעם, דאווען שחרית מנחה מעריב, זאג משניות אן קיין טראפ געפיל, טו עס ווייל אונזער דאקטער האט אזוי געהייסן.

דאס איז די סך הכל וואס קומט ארויס פון אונזער בלעטל אויסגאבע, זיך מחדש זיין מיט די התקרבות צום הייליגן רבי'ן יעדן איינציגן טאג.

לאמיר נאכגיין דעם צדיק און אים פאלגן אפילו אן קיין פינטעלע געפיל.

ויאת התורה לא תהא מוחלפת

# קרן הצלה

למען מוסדותנו בארה"ק על טהרת הקודש

# מזמור לתודה

באנו בזה להביע רגשי תודה וברכה להני ראש וראשונים לדבר מצוה, מעומקא דליבא,
לידידנו הנכבדים נדיבי עם, אשר נדבם לבם להיות לנו לעזר ולאחיסמך למען קיומם
של מוסדותינו הקדושים בארץ הקודש

ה"ה

**ידידנו ר' נח לוין הי"ו ונוות ביתו תחי'**

על אשר פתחו את דלתות ביתם לרווחה, ובחפץ לב ובמאור פנים הכינו את המסיבה המרוממת
לטובת המוסדות, בראשות ובהשתתפות כ"ק מרן ראש הישיבה שליט"א.

**ידידנו ר' יואל לעווי הי"ו ולכל האברכים היקרים מחבורת 'בני ברק'**

על אשר השליכו נפשם ומרצם, בטרחה יתירה ובממון,
לארגון והוצאה לפועל של המעמד הנשגב לכבוד הילולת מוהרנ"ת זיע"א.

**ידידנו ר' אהרן שלזינגער הי"ו**

על תרומתו הכבירה בהקמת בית התבשיל "היכל ישעי" בעיה"ק ירושלים ת"ו.
שחוסך לקופת המוסדות מדי חודש בחודשו, אלפי שקלים.

**ידידנו ר' ישראל יוז'עף הי"ו**

על נדבת לבו הטהור בהקמת "חדר ישראל" – חדר חדש בתלמוד תורה בירושלים.
ובזכותו הרחיב גבולי הקדושה וזכו תשב"ר ללמוד בתורה מתוך הרחבת הדעת ונועם.

יה"י שיזכו כל הנדיבים הנכבדים ומשפחותיהם לראות ברכה בעמלם, בני וחיי ומזוני רוויחי,
נחת דקדושה מכל צאצאיהם ויזכו לחנכם ולגדלם בתורה וחסידות בדרך רבינו הק', ויזכו
להמשיך מתוך בריאות וצהלה להרבות פעלים לתורה ויר"ש עד ביאת גואל צדק.

**ישר כח** פארן העלפן אונזערע הייליגע מוסדות
**געדענק** דער רבי האט געזאגט ביי וועם איך נעם געב איך
**מיין מעשר** געב איך פאר מיין מוסד

בהערכה מרובה,
אהרן וועבערמאן
גבאי מוסדות 'היכל הקודש' בארה"ק

המעוניינים להיות שותפים ולרכוש זכיות נצחיות במוסדותינו הקדושים, וכן לכל הערה והארה
בענייני קרן הצלה ניתן לפנות אל גבאי קרן הצלה מו"ה יעקב סאמעט הי"ו 055-321-9026

# אירנו

## שאצן די ווערד פון די הייזער

אין א פרייליכע אנטוויקלונג פאר אונזערע טייערע חברים תושבי קרית ברסלב האט די לאקאלע ליבערטי טאונשיפ אויפגענומען א צייטווייליגע פרישע "עססעסער" צו מעסטן און אפשאצן די ווערד פון די הייזער איבער אלס וואס איז נוגע פאר די אויטאריטעטן.

דאס אויפנעמען א פרישע עססעסער אויף צייטווייליג איז א גוטע טויש פאר אונז, נאך וואס מען האט זיך געמוטשעט מיטן געוועזענעם עססעסער, וואס האט געשאצט הייזער אויף מער ווי זייער ווערד, און אין געוויסע פעלער געשאצט צוויי פון די זעלבע הייזער אויף מער אדער ווייניגער.

דאס האט געפירט אז עטליכע טייערע חברים זאלן דארפן צאלן טעקסעס שווערע טויזענטער דאלארן מער ווי זיי וואלטן געצאלט ווען דער עססעסער וואלט ריכטיג געשאצט זייערע הייזער.

ווען די געטרייע חברי הנהלה האבן זיך דערוואוסט פון דעם פראבלעם האבן זיי זיך אריינגעווארפן מיטן גאנצן אייפער צו פרובירן צו העלפן אונזערע חברים אז זיי זאלן נישט דארפן באצאלן שווער אפגעהארעוועטע געלטער צוליב א טעכנישע אדער גאר בייזוויליגע טעות וואס דער עססעסער האט געמאכט.

דער חבר הנהלה מו"ה מנחם שטיינבערג נ"י האט צום ערשט פרובירט אראפ צו רופן דעם עססעסער קוקן די הייזער וואס זענען נישט ריכטיג געשאצט געווארן, אבער דער עססעסער האט נישט געהאלטן ביים קאאפערירן.

האט מען ארויסגענומען די אלט באקאנטע עצה פון בעטן דעם אייבערשטן. מו"ה מנחם שטיינבערג נ"י האט געמאלדן אויף קול ברסלב ביי די 'הנהלה אפדעיטס' אפטיילונג אז דער עולם זאל בעטן דעם אייבערשטן אז עס זאל עפעס זיך רירן, וויבאלד יעדע יאר וואס גייט אריבער און מען שאצט נישט ריכטיג אפ די הייזער קאסט עס אפ א געוואלד פון געלט וואס מ'האט נישט.

דער אייבערשטער האט געהאלפן און דער געוועזענער עססעסער האט זיך אפגעזאגט פון איין טאג צום צווייטן, צום גרויס פרייד פון אלע תושבים.

די ליבערטי טאון האט יעצט אויפגענומען א צייטווייליגע עססעסער, און האט געמאלדן פלענער צו אויפנעמען אין די קומענדיגע שטיק צייט א עססעסער וואס זאל זיין פערמענאנט.

מיר בעטן ווייטער אז אלע זאלן בעטן דעם אייבערשטן אז דער נייע עססעסער זאל זיין יושר'דיג און אז מען זאל קענען נידערן אביסל די הויכע טעקסעס וואס אסאך חברים צאלן.

## רענט פרייזן

אין פארזעצונג צו די מעלדונג פון פארגאנגענע וואך איבער די רענט פרייזן, ברענגען מיר דא מער אינפארמאציע.

אנדערש ווי ביז איצט ווען די רענט פרייזן זענען אוועק געשטעלט געווארן פער סקוועער פיס אפגעזען פון ארומיגע פאקטן ווי למשל אויב עס האט פורניטשור אדער נישט און אזוי ווייטער, האט די הנהלה אוועקגעשטעלט נייע פרייזן וואס וועלן זיין געווענדן אין פארשידענע ארומיגע

פאקטארן צו קענען ריכטיג אנטשיידן די פרייז פון א דירה.

אזוי אויך האט די הנהלה איבערגעארבעט די פרייזן פון מעינטעינענס זיכער צו מאכן אז די טענעטס זאל נישט איבערצאלן אונטער די נייע פרייזן, וואס וועלן אויך זיין געוואנדן אינעם ספעציפישע דירה.

די נייע פרייזן זענען אריין אין עפעקט דעם פאראגאנגענעם יאנואר דעם ערשטן למספרם פאר פרישע הייזער וואס ווערן פארדינגען, פאר עקזיסטירנדע רענטעלס וועלן די נייע פרייזן אריינגיין אין עפעקט דעם קומענדיגן אפריל למספרם.

די הנהלה האט אריינגעלייגט אסאך ארבעט און געמאכט אסאך ריסורטש זיכער צו מאכן אז מען קומט צו די ריכטיגע פרייזן, סיי אז די טענעטס זאלן נישט דארפן איבערצאלן אבער פינקט אזוי אז דער לענדלארד זאל נישט ווערן אונטערגעצאלט.

אין די זעלבע צייט וויל די הנהלה קלאר מאכן אז אפילו מיט די נייע פרייזן, איז קרית ברסלב די פלאץ ווי איינוואוינער צאלן פראצענטואל די ווייניגסטע רענט פון סיי וועלכע געגנט אין ניו יארק און ניו דזשערסי.

פאר א פונקטליכע ליסטע מיט די פרייזן און אנדערע דעטאלן קענט איר זיך פארבינדן מיט מו"ה מרדכי אהרן היילפרין הי"ו.

וואוינען אין שטעטל, איז נאך אסאך תפילה און שתדלנות געלונגען פאר די חברי הנהלה צו טוישן די זאמד וואס מען גיסט אויס נאך א שניי צו זאלץ.

ביז איצט פלעגט מען גיסן זעכציג פראצענט זאמד און פערציג פראצענט זאלץ, די הנהלה האט ב"ה באוויזן מיט א שטיק צייט צוריק צו איבערציייגן די ליבערטי טאון באהערדע אז עס איז נישט גענוג און אז די ראודס זענען נישט גוט גערייניגט נאך א שניי.

די טאון האט צוגעשטימט און באשטימט אז זיי וועלן טוישן און פון איצט און ווייטער וועלן זיי גיסן זעכציג פראצענט זאלץ און פערציג פראצענט זאמד.

נאך פיל תפילה איז דער הייוועי סופעראינטענדענט פון ליבערטי געקומען צו די מסקנה אז פון היינט און ווייטער וועלן זיי גיסן בלויז זאלץ אן קיין שום זאמד.

דאס וועט מיטן אייבערשטנ'ס הילף ארויסהעלפן אז די ראודס זאלן נישט זיין גליטשיג נאך א שניי, אזוי אויך וועט עס העלפן אז די שטעטל און די אויטאס וועט נישט ווערן שמוציג פון די זאמד, און מען וועט קענען זיין מער ריין אזוי ווי דער היילינער רבי האט געוואלט, און דער ראש ישיבה חזר'ט כסדר אז מען דארף גיין אנגעטון ריין, בפרט פאר די וואס גייען הפצה, דארפן זיך פיצן די שיך פארן ארויסגיין הפצה. און יעצט מיטן גיסן זאלץ וועט עס האפענטליך אסאך ארויסהעלפן.

א גרויסן יישר כח פארן חבר הנהלה מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו וואס האט אוועקגעגעבן אסאך צייט דערפאר.

## זאלץ גיסן פאר די שניי

אין א פרייליכע מעלדונג פאר טייערע חברים וואס

# וועלטעלע




## ווענעזועלע פרעזידענט פארכאפט דורך אמעריקע

אין א דראמאטישע און אומגעראכטענע שריט, האט די אמעריקאנע רעגירונג דורכגעפירט א מיליטערישע אפעראציע אינמיטן די נאכט אין ווענעזועלע, וואס האט רעזולטירט דאס פארכאפן פון פרעזידענט ניקאלאס מאדורא און זיין ווייב.

די אמעריקאנע רעגירונג האט באשולדיגט מאדורא אין זיין פארמישט אין נארקא-טעראריזם און דראג-האנדל. מאדורא איז געווארן טראנספארטירט צו די פאראייניגטע שטאטן וואו ער גייט ווערן געשטעלט פארן געריכט מיט קלאגעס אנטקעגן אים. ווענעזועלע'ס צייטווייליגע רעגירונג און אזוי אויך פילע לענדער האבן פארדאמט די אקציע אלס אן אומלעגאלע שריט.

פרעזידענט טראמפ פון זיין זייט האט געמאלדן אז די פאראייניגטע שטאטן וועט צייטווייליג פירן ווענעזועלע צו פארזיכערן א גלאטע איבערגאנג, אריינגערעכנט נעמען קאנטראל פון אירע אויל אינפראסטרוקטור.

די אפעראציע, מיט'ן קאוד-נאמען "אפעראציע אבסאלוט ריזאלוו", איז לויט באריכטן געפלאנט געווארן פאר חדשים דורך די אמעריקאנע מיליטער, מיט די באטייליגונג פון ספעציעלע כוחות איינהייטן און CIA שטיצע.

א נאכמאכונג פון מאדורא'ס קאמפלעקס איז לויט באריכטן געווארן געבויעט כדי זיך צו קענען לערנען די פראצעדור פון די פארכאפונג.

פארגאנגענעם שבת ויחי אומגעפער 2:00 פארטאגס לאקאלע צייט, האבן די פאראייניגטע שטאטן געלאזט אין גאנג א קאארדינירטע נאכט אטאקע אויף וויכטיגע פלעצער ארום די שטאט קאראקאס, אריינגערעכנט מאדורא'ס שטארק פארזיכערטע רעזידענץ.

מער ווי 150 פליגערס, אריינגערעכנט פייטער דזשעטס, העליקאפטערס, און שטיצע פליגערס, זענען געווארן אריינגעשטעלט צו נייטראליזירן לופט פארטיידיגונגען און פארזיכערן דעם געגנט. עקספלאזיעס און לופט אטאקעס האבן געצילט אויף ווענעזועלישע מיליטערישע פאזיציעס און פארטיידיגונגען, אויסטערטענדיג א וועג פאר די אמעריקאנער כוחות מיט ווייניגער סכנה פון קעגנערשאפט.

די אמעריקאנע ספעשעל פארסעס, באשטייענדיג פון דעלטא פארס און אנדערע עליט יוניטס, זענען אראפגעקומען מיט העליקאפטערס און האבן זיך שנעל אהינגעיאגט צו מאדורא'ס פאלאץ, וואס פרעזידענט טראמפ האט באשריבן אלס א שטארק-באוואכטע "פעסטונג".

טראצדעם וואס עטליכע העליקאפטערס זענען אונטערגעקומען אונטער פייער, האבן די אמעריקאנע פליגערס צוריקגעשאסן, און אלע זענען צוריקגעקומען בשלום. מאדורא האט פרובירט אנצוקומען צו א זיכערע צימער, אבער מ'האט אים געכאפט איידער ער האט געקענט זיך באהאלטן.

מאדורא און זיין ווייב, האבן זיך אונטערגעגעבן און זענען גענומען געווארן אין געפענגעניש דורך די אמעריקאנע כוחות.

נאך די פארכאפונג, האבן העליקאפטערס זיי טראנספארטירט צו אן אמעריקאנער ים-שיף וואס איז געווען פלאצירט אין ים.

פון די שיף זענען מאדורא און זיין ווייב געפלויגן קיין אמעריקע,

גרשון קרעמער

אנקומענדיג צו אן עירבעיס אין ניו יארק.

עס איז ערווארטעט אז זיי וועלן שטיין פאר פעדעראלע קלאגעס אין די פאראייניגטע שטאטן פארבינדן מיט אנגעבליכע נארקא-טעראריזם און דראג-פארלעצונגען.

פרעזידענט טראמפ האט עפענטליך באשטעטיגט דעם ערפאלג פון די אפעראציע, זאגנדיג אז די כאפן וועט אנהויבן א טראנזיציע אין ווענעזועלא און מעגליך ערלויבן פאר די פאראייניגטע שטאטן צו פירן דאס לאנד צייטווייליג.

דער יוסטיץ דעפארטמענט האט ארויסגעגעבן אן אנקלאגע קעגן מאדורא און זיין ווייב אין די אמעריקאנער געריכטן, צושטעלנדיג די לעגאלע באזיץ פאר זייער ארעסט און משפט אין די פאראייניגטע שטאטן.

דער יו.ען. סעקיוריטי קאונסיל האט זיך ארויסגעשטעלט מיט ווארענונגען אז די פארכאפונג האט נישט געמעגט פאסירן. עטליכע לענדער, אריינגערעכנט כינע, רוסלאנד, און קאלאמביע, האבן קריטיקירט די אפעראציע פארן פארלעצן אינטערנאציאנאלע געזעץ.

נאך פאר די לעצטע אפעראציע, האבן די פאראייניגטע שטאטן פארשטארקט זייער דרוק אויף מאדורא'ס רעגירונג דורך:

סאנקציעס אויף ווענעזועלישע אויל פירמעס און טאנקערס כדי אפצושניידן זייערע הכנסות.

מיליטערישע אטאקעס אויף דראג-האנדל אינפראסטרוקטור וואס איז פארבינדן מיט ווענעזועלישע באאמטע.

אן אריינגיין וועלכע פון די צוויי זענען גערעכט, וואס דאס מאכט באמת נישט אויס פאר אונזער לעבן, זעט מען אבער אז סוף גנב לתליה, דער אייבערשטער פירט די וועלט אז דער וואס טוט שטיקלעך פאר א צווייטן באקומט זיין פארדינטע שטראף. זיי נישט אזוי פארזיכערט מיט דיין צייטווייליגע געווינס, דער אייבערשטער שטייט און קוקט אויף אונז וואס מיר טוען.

לאמיר בעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן קיינמאל נישט זיין פון די וואס טוען ווי א צווייטן, בפרט צווישן אנשי שלומינו דארף מען זייער אכטונג געבן צו ליבן האבן יעדן איינעם, ווייל נאר אזוי וועלן מיר קענען מצליח זיין צו אריינברענגען דעם אייבערשטן אין די גאנצע וועלט און ברענגען מיט דעם משיח צדקינו.

## גרויסע פראטעסטן אין איראן

איראן געפינט זיך אין די טעג אין אן ערנסטן קריזיס. פילע פראטעסטן בוזשעווען אין אלע עקן פונעם לאנד. די בירגער זענען פרוסטרירט פון די שרעקליכע אינפלאציע, און בכלל איבער דעם שלעכטן צושטאנד אין וועלכן דאס לאנד געפינט זיך.

די עקאנאמיע פון איראן ליידט זייער שטארק פון די גאר שארפע סאנקציעס. די איראנער וואלוטע, דער ריאל, איז שרעקליך נידעריג. עס האלט שוין היינט אז איין אמעריקאנער דאלאר קען קויפן כמעט איינס און א האלב מיליאן ריאל, וואס מאכט אז אלעס איז דארט שרעקליך טייער. דאס איז גורם אז געווענליכע בירגער פלאגן זיך ממש פאר א שטיקל ברויט.

אבער נאך שטארקער שפירן עס די געשעפט אייגנטימער. אז מען האט נישט קיין געלט, קויפט מען נישט. דערפאר האבן די ביזנעסלייט זיך ארויסגעלאזט אין ריזיגע פראטעסטן, צו וועלכע נאך פילע שיכטן פונעם פאלק האבן זיך אנגעשלאסן, פאדערנדיג פונדאמענטאלע ענדערונגען אין דער רעגירונג. זיי זאגן אז צוליב די פאליסיס פון די אייאטאלאס נוצט די רעגירונג אויס דעם גאנצן לאנד'ס אוצרות בלויז אויף צו בויען באמבעס, בשעת די אינפראסטרוקטור ווערט מער און מער נאכגעלאזט, און עס אינטערעסירט זיי נישט די סאנקציעס וואס דערשטיקן דעם המון עם.

איראן ליידט פון נאך גרויסע פראבלעמען אויסער פינאנציעלע. איראן ליידט פון א גאר ערנסטן וואסער מאנגל, און עלעקטריציטעט איז זייער באגרעניצט.

מיר פון אונזער זייט שטעלן זיך אויך פולקאם צו צו די פראטעסטירער. מיר זאגן פאר'ן אייבערשטן אז דער יצר הרע איז נישט גערעכט. ער טענה'ט אז אונזער עקאנאמיע איז אין דער ערד, מיר זענען בלויז פארנומען מיט נארישקייטן, און מיר זענען נישט אינטערעסירט צו זיין ערליך. רבונו של עולם, עס איז נישט אמת. הער אים נישט אויס. מיר האבן נאר איין רצון, מיר ווילן זיין נאנט מיט דיר. דער זעלבער יצר הרע וואס ווארפט אונז אראפ, ער פרובירט אונז איינצורעדן אז מיר האבן נישט קיין רצון. און דאס איז וואס מיר ווילן אים בשום אופן נישט נאכגעבן. "אין דבר העומד בפני הרצון" זאגט דער היילגער רבי נתן. קיינער קען אונז נישט שטערן פון 'ווילן'.

# אלץ און אלעמען

פראגעס און
ענטפערס איבער
אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער




## געז אין א קאר

### שאלה

ס'איז זייער זייער שיין צו ליינען דיינע הערליכע ארטיקלען, סיי די נייעס, און סיי "איבער אלץ און אלעמען". איך בין זיך מורא'דיג מחיה יעדע וואך.

היינט איז געווען א טענה'רײ צווישן מיינע חברים אויב עס איז מעגליך אז א קאר זאל פארן אויף וואסער אנשטאט געז אדער עלעקטריק.

טייל זאגן אז מען קען עס מאכן, און אנדערע זאגן אז עס איז נישט מעגליך, ווייל וואסער קען נישט מאכן קיין איפרייס, וואס דאס געבט די כח צו פארן. וואס איז דער אמת?

### ענטפער

זיכער קען מען פארן! "שפכי כמים לבך נוכח פני ה'". דו קענסט פארן און אנקומען מיילן און מיילן. יעדעס ווארט וואס דו רעדסט צום אייבערשטן איז אן אויפרייס וואס קען עקספלאדירן. דו קענסט זוכה זיין מיט איין ווארט צום אייבערשטן אנצוקומען וואו דו ווילסט. גיס אויס ווי וואסער דיין הארץ, ווי די וואסערן בענקען און וויינען צום אייבערשטן.

דער הייליגער רבי זאגט אין ספר המדות "א פלאץ וואו צוויי וואסערן קומען זיך צוזאמען, איז א פלאץ זיך אויסצוגיסן דאס הארץ." פארוואס? ווייל די וואסערן שרייען "אנן בעינן למהוי קדם מלכא קדישא?" - מיר ווילן אויך זיין נאנט צום אייבערשטן. זייט דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, בענקען די וואסערן. ווען א מענטש גיסט זיך אויס דאס הארץ אזוי ווי וואסער, ער רינט אויס זיין הארץ צום אייבערשטן, ער איז אפן מיטן אייבערשטן, פארט מען זייער ווייט, מען ווערט צוגעקלעבט צום אייבערשטן.

דו פרעגסט וועגן א קאר? דאס איז די עכטע קאר. אבער א קאר מיט פיר רעדער קען נישט פארן מיט וואסער. וואסער איז טאקע צוזאמגעשטעלט פון הײדראדזשען און אקסידזשען, און מען קען דורך עלעקטריציטעט ארויסנעמען דעם הײדראדזשען פון דעם וואסער, און טעכניש קען מען דאס נוצן צו מאכן א מאטאר פארן, אבער מען דארף נוצן מער ענערגיע צו צוברעכן דאס וואסער וואס קען מאכן א קאר פארן, ווי די סכום ענערגיע וואס מען וואלט געדארפט האבן צו שטופן די קאר.

עס איז א שאד צו נוצן די ענערגיע אויף זאכן וואס ווערן גארנישט ברענגען. דער הייליגער רבי נתן האט געזאגט: "די וועלט איז נישט און מען קען עס נישט באקומען, יענע וועלט איז יא, און מען קען עס יא באקומען." די וועלט נארט אונז אויס אויףביידע וועגן. דער סמ"ך מ"ם רעדט אונז איין פון איין זייט כאילו די וועלט פארקויפט עפעס, און פון דער אנדערער זייט וויל ער מיר זאלן ח"ו טראכטן אז מיר קענען נישט צוקומען צו דינען דעם אייבערשטן. אז מיר וועלן ווייטער בלייבן ביים צדיק וועלן מיר בעז"ה נוצן אונזער ענערגיע אויף זאכן וואס וועלן אונז קענען טראגן צום ריכטיגן דעסטינאציע.

האסט איר א שאלה?
שיקט צו: 845-445-7447 - Askgershon@gmail.com

# א ווארט צוויי

זאגן וואס פארדינען שטערכלער

• בערל שניצלער

שיקט אריין אייער ווארט צוויי צו avorttzvei@bletelmagazine.com

## עלעוויטער קרא

"אין א שיחת חברים רעדע מיט ר' משה ארי' שניצלער האט ר' משה ארי' זיך אויסגעדריקט: "עס איז דא אזא זאך ווי 'עלעוויטער חברים', דהיינו ווען מען גייט אמאל אין אן עלעוויטער צוזאמען מיט נאך א פרעמדן מענטש, מ'גריסט זיך, מ'איז נישט ברוגז אויף יענעם, מ'שמועסט נישט, וכדו'.

ליידער זענען דא אידן וואס דאס איז אקוראט זייער קשר מיט די ווייב, א' טעקניקלי עלעוויטער רילעישענשיפ', העלא, היי, אלעס קלאפט, זערא געפיל און ווארעמקייט...

אזוי אויך זענען דא וואס האבן דעם קשר מיטן אייבערשטן, איך שמועס נישט, איך בין נישט ברוגז, איך טשעק אריין שחרית מנחה מעריב און שוין. אבער דער אייבערשטער וויל יא מען זאל שמועסן מיט אים און האבן באמת א 'קשר' מיט אים!..."

**– ר' אליעזר זוסיא ווערטהיימער**

## ספענדע-נישט

"ביי די יעצטיגע נסיעה פונעם ראש ישיבה קיין ארץ ישראל האט ער געבעטן מען זאל נישט אויסגעבן קיין געלט פאר די נסיעה, איין נאכט איז ער געשלאפן ביי מיר, איין נאכט ביי מו"ה משה שמואל שטעסל שליט"א, ער איז נישט געפארן ביזנעס קלאס, אז עס איז נישט דא קיין געלט - ספענדט מען נישט..."

**– הרב יואל לעווי מיט די ברסלב'ע ברודער**

## ח"י יודיך

"איך האב געהאט שיחת חברים מיט א חבר מיינער, און עס איז ארויסגעקומען אז נאר אויב מען קען זיך פרייען מיט איין פרק משניות - דעמאלס קען מען זיך פרייען מיט ח"י פרקים משניות..."

**– ר' יודי איינהארן אויף קרעמל**

## אההה מחי'

פארמאך די אויגן פאר איין מינוט און געב א גוטע אטעם אריין און לאז ארויס די לופט מיט א קול פון "אההה..." און זאג: "אלעס איז דער אייבערשטער, ער איז מיט מיר, אין מיר, ביי מיר און נעבן מיר", און טו עס נאכאמאל און זאג: "אההה... שכוח אייבערשטער", און טו עס נאכאמאל און זאג: "אההה... איך האב דיך ליב אייבערשטער"; אזוי זאלסטו עס טון כמה פעמים ביום.

**– א הערליך שטיקעלע עצתן אמונה**

## נייעס אנאליז

"די גאנצע טראמפ ווענעזועלע געראטשקעץ האט נאר פאסירט אז איך זאל נאכאמאל פארגעסן פונעם אייבערשטן!"

**– ר' יעקב יאקאבאוויטש**

## דער ראש ישיבה האט געזאגט:

### שלאגן מיט עצתן אמונה

"שלאג נישט דיין ווייב מיט עצתן אמונה, אז דיין ווייב וויל גיין צו טערעפי, שטער איר נישט, נאר אדרבה, העלף איר דערמיט, די עצתן אמונה איז געמאכט פאר דיר."

**– שיעור הילולת רבי נתן אין בני ברק**

א בריוו
פון דער
ראש ישיבה

# דער גבאי האט מיר פארשעמט

**עצתו אמונה וארא תש"פ**

## שאלה

*לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,*

*אִיךְ דַאוֶוען אִין אַ גְרוֹיסֶע שׁוּל אִין מַיין גֶעגְנְט, אוּן דִי וָואךְ הָאט אֵיינֶער עֶפֶּעס שָׁאדְן גֶעמַאכְט פַאר דִי שׁוּל, אוּן דֶער שַׁמָּשׁ הָאט בַּאשְׁלָאסְן אַז אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעטוּן, אוּן לְכָבוֹד דֶעם הָאט עֶר מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק פַארְשֶׁעמְט אִין פָארְנְט פוּן יֶעדְן מִיט מוֹרָא'דִיגֶע בִּזְיוֹנוֹת, אָן אֲפִילוּ מְבָרֵר זַיין צִי סְ'אִיז אֱמֶת.*

*אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן פוּן דֶעם אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אַז נֶעכְטְן הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶוענְט מִנְחָה מַעֲרִיב אִינְדֶערְהֵיים, אִיךְ הָאבּ זִיךְ פָּשׁוּט גֶעשֶׁעמְט צוּ גֵיין אִין שׁוּל. אוּן אִיךְ טְרַאכְט נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל צוּרִיקְצוּגֵיין אַהִין ווִי לַאנְג עֶר קוּמְט מִיר נִישְׁט אִיבֶּערְבֶּעטְן. וָואס זָאל אִיךְ טוּן?*

*יְיַשֵׁר כֹּחַ.*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ד טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֵיי צוּרִיק דַאוֶוענֶען אִין שׁוּל אוּן מַאךְ נִישְׁט קַיין עֵסֶק פוּן דֶעם וָואס דֶער גַבַּאי הָאט דִיר פַארְשֶׁעמְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ו): "**וְעִקַּר הַתְּשׁוּבָה כְּשֶׁיִּשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק**", אַז מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט אוּן מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ, דָאס אִיז דֶער עִיקָר ווִי אַזוֹי מֶען טוּט תְּשׁוּבָה; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַמָאל אִיז דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה גֶעגַאנְגֶען מִיט אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, אוֹיפְ'ן וֶועג אִיז צוּגֶעקוּמֶען אַ מִתְנַגֵד אוּן גֶעוָוארְפְן אוֹיפְ'ן טְשֶׁערִינֶער רֶבִּי אַ שְׁטִיק צוֹאָה, דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ שֵׁיינֶע זַיידֶענֶע בֶּעקִיטְשֶׁע אוּן דִי בֶּעקִיטְשֶׁע אִיז אִים פַארְשְׁמִירְט גֶעוָוארְן, עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט וואוּסְנְדִיג גֶעמַאכְט פוּן דֶעם נָאר עֶר אִיז וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען, אָבֶּער דֶער אַנְדֶערֶער וָואס אִיז מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיט אִים הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּ דֶעם מִתְנַגֵד אוּן אָנְגֶעפַאנְגֶען שְׁרַייעֶן: "שֵׁגֶץ!" וְכוּ' אוּן דֶער מִתְנַגֵד הָאט צוּרִיק גֶעשְׁרִיגְן וְכוּ', הָאט דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב אִים אָנְגֶעכַאפְּט אוּן גֶעזָאגְט: "שְׁוַוייג, דָאס אִיז דָאךְ אוּנְזֶער זַאךְ", אוּן עֶר הָאט צוּגֶעלֵייגְט: "אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ שְׁוַוייגְט אָפּ אוֹיף בִּזְיוֹנוֹת אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ גָאר שֵׁיינֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט".

בְּלַייבּ דַאוֶוענֶען אִינֶעם שׁוּל וואוּ דוּ דַאוְונְסְט; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:): "**כָּל הַקּוֹבֵעַ מָקוֹם לִתְפִלָּתוֹ, אֱלֹקֵי אַבְרָהָם בְּעֶזְרוֹ**", וֶוער עֶס אִיז זִיךְ קוֹבֵעַ אַ פְּלַאץ וואוּ צוּ דַאוֶוענֶען בִּקְבִיעוּת, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס הָאט גֶעהָאלְפְן אַבְרָהָם אָבִינוּ אִים אוֹיךְ הֶעלְפְן, "**וּכְשֶׁמֵּת, אוֹמְרִים לוֹ, אִי עָנָיו, אִי חָסִיד, מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ**", אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְבְּט זָאגְט מֶען אוֹיף אִים בַּיים הֶסְפֵּד: וֵויי פַאר דֶעם עָנָיו וָואס אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, וֵויי פַאר דֶעם חָסִיד וָואס אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי תַּלְמִידִים פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ; זֶעט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶער וָואס בְּלַייבְּט דַאוֶוענֶען אִינֶעם זֶעלְבְּן שׁוּל, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיבּ מֶען פַארְשֶׁעמְט אִים, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, עֶר קוּמְט אִין שׁוּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ "עָנָיו" אוּן אַ "חָסִיד", אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז "מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ", וַוייל אוֹיבּ וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין עָנָיו וָואלְט עֶר שׁוֹין לַאנְג אַוֶועק גֶעלָאפְן פוּן דָארְט, נָאכְדֶעם וָואלְט עֶר אַוֶועקְגֶעלָאפְן פוּן דֶעם אַנְדֶערְן שׁוּל אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַ עָנָיו, עֶר וֵייסְט בַּיי זִיךְ: 'אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט, אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט, אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט אוּן אִיךְ וִויל גָארְנִישְׁט; אִיךְ קוּם נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם דָא אִין שׁוּל, אִיךְ קוּם נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן', דָאס אִיז אַ סִימָן פוּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# מעשיות פון תפילה



**חיים שלמה רבינאוויטש** | צפת

1. איך האב מיך זייער געפריידט צו די גוטע בשורה. למעשה ווען עס איז געקומען נענטער צו עשרה בטבה האב איך מתפלל געווען אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל קומען אפרעכטן די הילולא פון רבי נתן זי"ע אין ארץ ישראל. מירווארטן שוין אזוי לאנג, מיר ווילן שוין הערן דעם ראש ישיבה און זיך טרעפן מיט אים.

ברוך השם, עס איז געווען אזא שיינע הערליכע מעמד אין בני ברק מיט דער ראש ישיבה שליט"א.

- - -

2. איך וויל זייער שטארק גיין פארשפרייטן די זיסע עצות פון אונזער הייליגער רבי יעדן איינציגן טאג. אבער ליידער קומט עס נישט אויס יעדן טאג. איך האב געהערט אין א שיעור פון ראש ישיבה שליט"א אז מען דארף בעטן דעם אייבערשטן צו זוכה זיין צו קענען ארויסגיין פארשפרייטן די לימודים.

האב איך טאקע אזוי געטון. איך האב אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל זוכה זיין ארויסצוגיין פארשפרייטן די עצות וואס אונזער רבי האט אונז געגעבן.

ברוך השם, יענעם טאג איז א בחור פון ישיבה צוגעקומען צו מיר און געפרעגט אויב איך וויל גיין מיט אים פארשפרייטן די לימודים.

ברוך השם, מיר זענען געגאנגען צוזאמען זיי פארשפרייטן.

שכח אייבערשטער אז מיר האבן זוכה געווען צו מקרב זיין אידן צום אייבערשטן.

**מרדכי איידליס** | קרית ברסלב

זונטאג מקץ איז געווען די שבע ברכות פון מיין ברודער, די ראודס זענען געווען גאר גליטשיג יענע נאכט. די שבע ברכות איז געווען אין קרית יואל, איך האב נישט געקענט אפמאכן אויב איך זאל פארן אדער נישט, עס איז אויסגעהאלטן אדער נישט.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל וויסן וואס איך האב צו טון, זאל איך יא פארן, נישט פארן.

למעשה האט מען געזאגט תפילת הדרך, געגעבן צדקה, און זיך ארויסגעלאזט.

ברוך השם אז די וועג איז אדורך זייער גוט, איך בין אנגעקומען בשלום.

אויפן וועג צוריק האב איך שוין נישט אזוי געבעטן פאר א גרינגע וועג, ווייל די וועג אהין איז דאך אלעס געווען גוט

אינמיטן פארן איז די וועג געווארן גאר שווער, איך האב מיך דערמאנט אז איך דארף נאכאמאל מאכן תפילות. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל אנקומען בשלום אהיים געזונטערהייט.

שכח אייבערשטער אז די וועג איז געווארן גרינגער, און איך בין אנגעקומען אהיים געזונטערהייט.

# פְּשָׁרָה'לָאז



אין

*קורצן פון פריער: ר' יצחק הערמאן ז"ל ציעט זיך מיט זיין משפחה קיין אמעריקע, זייע זון יעקב יוסף טרעפט א גוט שידוך פון משפחת אנדראן.*

*ר' שמואל יצחק אנדראן ז"ל ציעט אויף די קינדער אויפן ערליכן שטייגער.*

*און יעצט ליינט ווייטער.*

איין טאג זענען איינער פון זיינע קינדער זענען אין יענע טעג אהיימגעקומען פון פובליק סקול און געבעטן פונעם טאטן געלט פאר סקול.

„צו וואס דארפסטו די געלט?" האט הרב אנדראן זיך נאכגעפרעגט.

די ענטפער: „פאר א קראצמער פארטי (חגא) וואס קומט פאר קומענדיגע וואך אין סקול."

דאס הייליג אידיש הארץ האט זיך אזוי צעפייערט און איז צושוידערט געווארן הערנדיג דאס פון זיינע קינדער.

די נעקסטע טאג זענען זיינע קינדער מער נישט געגאנגען אין פובליק סקול. אבער ער האט זיך נישט באגנוגט מיט זיינע קינדער. ער האט אנגעהויבן איבעררעדן נאך ערליכע עלטערן אז זיי זאלן ארויסציען די קינדער "שוין" פון פובליק סקול איידער עס וועט חלילה זיין צו שפעט און דאס וועט זיין א בכיה לדורות.

אזוי צוביסלעך האט זיך געפארעמט „א קלאס" פון אלע יארגענג צוזאמען. ר' שמואל יצחק האט אויפגענומען א מלמד פאר זיי און אויך א „טיטשער" פאר נאכמיטאג צו ערפילן די לימודים וואס זענען געווען פארלאנגט.

ער האט דאס אלעס באצאלט פון זיין אייגן טאש (וואס האט בכלל נישט געהאט קיין געלט). ער האט אפגעדינגען א פלאץ און אזוי איז געגרינדעט געווארן די ערשטע „ישיבה" אין אמעריקע. ער האט דאס א נאמען געגעבן „ישיבת יעקב יוסף" על שם דעם הייליגן רב הכולל וואס איז געווען זיין נאנטער ידיד און רבי. (דער רב הכולל האט שוין דאן נישט געלעבט.)

הרב אנדראן איז געווען די אומאפיציעלע ראש ישיבה. די תלמידי הישיבה פלעגן אריבערקומען יעדע וואך און ער האט זיי פארהערט און אויסגעפרעגט און געמאכט זיכער אז אלעס פירט זיך מיט יראת שמים.

ר' שמואל יצחק איז געווען אזוי אריינגעטון אין די ישיבה אז ער האט פארנאכלעסיגט זיין פרנסה. חוץ פון די פינאנציעלע בארג וואס איז געלעגן אויף זיינע פלייצעס, איז ער אינאיינעם מיט זיין ווייב כסדר געווען פארנומען איבעררעדן נאך משפחות אריינצולייגן די קינדער אין ישיבה.

א וואונדער אז זיי האבן נישט געהאט א נדן צו געבן?

הרב אנדראן האט טאקע נישט געהאט קיין געלט, אבער ער איז געווען אן אמת'ע עושר. ער האט געקויפט אייביגע עשירות. מיט די צייט האט די ישיבה זיך פארברייטערט און עס איז געווארן א בית חינוך, א תלמוד תורה פון קינדערגארטן ביז ישיבה גדולה.

מיט זיין עזות דקדושה האט ער אנגעצינדן די פאקל פון תורה אין אמעריקע.

דאס יונג הערמאן פארפאלק האט זיך באזעצט אין איסט סייד מאנהעטן. זיי זענען גלייך אריין אין ביזנעס. אין די ביזנעס פון הכנסת אורחים.

דער אייבערשטער האט זיי געבענטשט מיט קינדער, אבער דאס האט נישט אפגעשטעלט די ביזנעס, פארקערט, זיי האבן אריינגענומען די קינדער אין די

## מ. מאנן 5



ארבעט.

משפחת הערמאן האט געהאט פיר מיידלעך, און איין בן יחיד. די עלטסטע איז געווען אסתר, דערנאך איז געקומען פריידא, דאן נחום דוד, דערנאך באשע און די יונגסטע רוחמה. (וואס זי האט באשריבן איר טאטנ'ס לעבן געשיכטע אין די באקאנטע בוך "אל פאר די באס". (איבערגעזעצט אין אידיש "אלעס פאר'ן אייבערשטן.")

פון די פריסטע זכרונות וואס די קינדער האבן, איז פון זייערברייטע הכנסת אורחים. אסתר, די עלטסטע טאכטער האט דערציילט אין אירע זכרונות אז זייענדיג א יונג קינד האט די מאמע איר איין טאג אריינגערוימט אין אויער אז זי האט אן איבערראשונג פאר איר. היינט וועט זי גיין אליינס מיט די מאמע באגלייטן א קרוב צו די גרויסע שיף.

דאס איז געווען אן איבערלעבעניש. ווען האט א יונג קינד געהאט אזא געלעגנהייט צו גיין "אליינס" מיט די מאמע און נאכדערצו צו אזא אינטערעסאנטע פלאץ ווי די האפן? (אזויווי למשל אן עירפארט היינט.)

אסתר דערציילט אז יענעם טאג האט זי ארויסגעשלעפט איר שיינע ספעציעלע קלייד וואס זי פלעגט האלטן פאר גאר ספעציעלע צייטן און עס שיין אויסגעגלעט. זי האט זיך אנגעטון שיין אין געציילט די מינוטן צו גיין מיט די מאמע.

די מאמע האט איר שוין אריינגערוימט אין אויער, "שלייך זיך ארויס שטילערהייט און ווארט מיר אונטן, אז די אנדערע קינדער זאלן נישט מקנא זיין."

אסתר איז שוין געשטאנען ביים טיר ווען פלוצלינג האט זיך דער טיר אויפגעפראלט. דער טאטע איז ערשינען. ער האט געהאט א פונק אין זיינע אויגן.

"ב"ה מיר האבן א גאסט!" האט ער אויסגערופן מלא התרגשות.

"מאמע, צו וועסטו קענען צושטעלן עסן?" האט דער טאטע געפרעגט, אבער נישט געווארט אויף אן ענטפער. ער איז געווען ממש פאר'שיכור'ט פון גליק אז אורחים זענען דא.

די מאמע האט געגעבן א בליק אויף אסתר, אויסגעפוצט און אזוי איבערראשט און פריילין צו גיין און זי איז געווען אין א פארלעגנהייט.

אסתר האט שוין אויך געוואוסט אז עס איז דערנאך. זי גייט שוין נישט אין ערגעץ.

דער טאטע האט גארנישט באמערקט נאר געזאגט פאר אסתר, "אסתר'ל, גיי אין קאך און העלף צו די מאמע."

אסתר איז געווען זייער אנטוישט. די מאמע האט געזאגט פאר'ן טאטן, "יעקב יוסף, גיי בארואיג אסתר. זי איז אזוי צוטראגן."

דער טאטע איז דאן אריין צו אסתר און גערעדט מיט אזא זיכערקייט און שמחה און שטאלץ. דער טאטע האט געזאגט, "דו ווייסט אסתר, וואס איך מיט מאמע האבן דא באוויזן? מיר האבן איינגענומען די מארק פון די גרויסע מצוה פון הכנסת אורחים! די גאנצע ריוח פון די מצוה בלייבט פאר אונז און אונזער משפחה אויף אייביג! דו ביסט זייער א רייכע מיידל, ווייל דו העלפסט צו דערצו. דיינע קינדער און אייניקלעך וועלן אויך געניסן פון די רייכקייט וואס מיר זאמלען יעצט אין אונזער הכנסת אורחים געשעפט.

"עס וועלן נאך אונטערקומען געלעגנהייטן ווען דו וועסט קענען גיין צו ספעציעלע פלעצער מיט מאמי. ווען עס קומט אבער אונטער א געלעגנהייט צו מאכן מיליאנען אין אזא קורצע צייט, קען מען נישט ארויסלאזן די געלעגענהייט פון די האנט."

אסתר דערציילט אז באמת איז זי נאך געווען אביסל צו יונג צו פארשטיין דאס, אבער איין זאך געדענקט זי, זי האט געפילט אז זי איז א גליקליך קינד און זי איז א חלק פון עפעס העכער און גרעסער און דאס האט איר אנגעפולט מיט שטאלץ און פרייד. ווי זי דערציילט, "מיין אנטוישונג איז אויסגערינען און איך האב געשפירט ווי די רייכסטע מיידל אויף די וועלט!"

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

# געדאנקען

## וואס גייט פאר אין ווענעזועלא?

דאס ווייסט איר אוודאי אז אלע באנדיטן און וואגאבונדן שרייען אז זיי מיינען נאר גוטס.

דאס ווייסט איר אויך אז יעדער איז שולדיג נאר נישט איך.

די גוטסקייטן פון סדום ועמורה האבן געשריגן אז זיי מיינען בלויז גוטס, דאס אראפזעגן די פוס פון די לאנגע, און סטרעטשן די קורצע דורך ארויסציען די קאפ פונעם האלז איז אויך בלויז גוטסקייט.

מוהרא"ש זכותו יגן עלינו פלעגט זאגן אז די חיות טרף פון סדום זענען געווען אזוי ביזי מיט מיינען גוטס אז ס'שטייט אפילו אין פסוק ואנשי סדום רעים וחטאים לשם מאוד, שלעכט און זינדיג פאר'ן אייבערשטן זייער, דער מענטשן פרעסער גייט דיר דערציילן אז מיר מיינען גארנישט, נאר פאר'ן אייבערשטן, לשם מאוד, פאר'ן אייבערשטן זייער.

דער אקופאנט פון ווייסן הויז מיינט אויך בלויז גוטס. יא ווייל יא.

אויך טוט דער ווייסער הויז אקופאנט שטארק רעספעקטירן די אלטע זאך פון יעדער איז שולדיג נאר נישט איך.

אז אמעריקע ציט אויף לינקס און די מאריכואנא רויכערער ווערן דא באקוועמער פון טאג צו טאג איז דאס די שולד פון יעדן נאר נישט פון אמעריקע.

אמעריקע ארבעט היינט צו טאגס בערך אזוי אז די פלעסטיק בעגס ווערן וואס א טאג א גרעסערע פארברעך, און די מאריכואנא באנוצער ווערן וואס א טאג מער און מער אומשולדיג.

טאמער מיינט איר אז די פראבלעם מיט ווענעזועלא איז וועגן דראגס, האבן מיר אייך צו פארקויפן א שיינע בריק מיט'ן נאמען "ברוקלין בריק".

לאמיר אייך דערציילן עטליכע טרוקענע פאקטן וואס קיינער אין די וועלט איז נישט מחולק דערמיט, וועט איר זען אז די נייעס דערציילער זענען סתם שוי שפילער וואס האבן א גוד טיים טאנצנדיג אויף אייערע דערשראקענע נערוון ווי ביים טאטן אין וויינגארטן.

איינס, וויפל אויל ליגט אין די ערד אונטער ווענעזועלא? (באלד צען מאל מער ווי אין אמעריקע - מיר וועלן באלד בעסער פארשטיין געבן בע"ה).

צוויי, פון וואו קומט מאריכואנא?

דאס וואס דער אני ואפסי שרייט אז מען מוז פארכאפן א פרעזידענט פון א לאנד (איך פארשטיי אז דו שרייסט אז ניקאלאס מאדורא איז נישט א "לעגיטימער" פירער -אבער דו דארפט געדענקען אז ס'איז דא גענוג און נאך פירער וואס זענען נישט ווייניגער אומלעגיטים ווי מאדורא און דער אני ואפסי גייט זיי נישט פארכאפן) אלס א טייל פון די מלחמה קעגן דראגס, וויל איך דיר נאר זאגן א טרוקענע פאקט אז די דראגס וואס דארף לעגיטימירן די לאנד-פירער פארכאפאכץ איז נישט קיין ווענעזועלע'ר דראגס, דאס איז דראגס וואס ווערט געפלאנצט אין די דערנעבנדיגע קאלאמביע, און ווערט נאר געפירט "דורך" ווענעזועלע. נאר דער אני ואפסי האט מורא צו געבן א מינדעסטן שאקל די שורש פון מאריכואנא וואס איז באמת קאלאמביע, ווייל די הויפט דראג פלאנצערס קענען אים נאך דערלאנגען א טויטליכן קניידל אין אויער, מיט די הויפטן וויל ער זיך נישט איינרייסן, דערפאר נעמט ער דעם מאדורא'ן אלס שעפסל צו דער שחיטה, אזוי קען ער שוין ווייזן אז ער איז מורא'דיג קעגן דראגס, און אין איינוועגס וועט אמעריקע שוין קענען לייגן א יד אויף די דריי הונדערט ביליאן פעסלעך אויל וואס געפינט זיך תחת אדמת ווענעזועלא.

ווער מיר נישט פארקויפט פאר יעדן דראגס מבין וואס רעדט א האלבע שעה

## איבערלעבעניש, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

פאר פייער און פאר וואסער, נישט יעדער מאריכואנא מבין ווייסט פון וואו מאריכואנא קומט.

נישט יעדער אני ואפסי מבין ווייסט די אמת'ע כוונה פון דעם אני ואפסי'ניק.

זיי נישט קיין גולם, אז מען גייט גנב'ענען אויל, מיש נישט קיין קאשע מיט דראגס, ווייל מיר נישט מיט קראקאדיל טרערן אז ווענעזועלא איז שולדיג אין די אמעריקאנע דראגס פראבלעם.

לאמיר זען הייב זיך אן מיט קאלאמביע וואו די דראגס וואקסט, וואו די דראג לארדס פלאנצן די סם וואס דיינע היימישע אמעריקאנע לינקע אקטיוויסטן ווילן מען זאל עס צושטעלן באקוועמער און צוגענגליכער אז דער עולם זאל קענען האבן די ריכטיגע היעלינג.

דריי נישט קיין שמיטשיק, אז דו גנב'עסט אויל, רוף עס ביים נאמען, געב ארויס א אפיציעלע אני ואפסי סטעיטמענט אז די גאנצע אויל פון אלע ארומיגע צען טויזנט מייל ארום אמעריקע באלאנגט פאר אני ואפסי.

זיי נישט באזארגט, איך בין נישט קיין דעמאקראט, איך בין נישט קיין רעפאבליקן, איך בין א איד.

ביי מיר איז יעצט די עיקר אדזשענדע נישט די אויל גניבה אין ווענעזועלא, ביי מיר איז די אדזשענדע אז איך גיי נעמען די סם החיים וואס הייסט זאגן משניות.

און לגבי דעם וואס דו זאגסט אז יעדער איז שולדיג נאר נישט דו, דיין ווייב איז שולדיג, ווייל זי וויל נישט הערן דיינע לאאאאאאאאנגע בארינג (BORING) הסברים אז זי איז דער וואס דארף גיין פאר היעלינג, אויף דעם איז דא א פשוט'ע עצה, דער ראש ישיבה האט לעצטנס דערמאנט דעם פסוק אין משלי וואס רעדט אזוי שיין פון היעלינג, רפאות תהי לשרך ושקוי לעצמותיך זאגט שלמה המלך, די תורה וועט דיך היילן פון אלע דיינע מח קראנקהייטן, די תורה וועט דיך היילן פון די מח מחלה פון באשולדיגן אנדערע, דאס זאגן משניות וועט דיר געבן שכל צו געדענקען אז די ווייב איז דיר גארנישט שולדיג.

די תורה וועט אריינגעבן א פרישקייט אין דיין מערידזש (MARRIAGE), דער ראש ישיבה האט דאס דערמאנט לעצטנס אין א שמועס בנוגע וואס דער רבי ברענגט אין די ערשטע תורה אין ליקוטי מוהר"ן אז די תורה ברענגט חן, אז די גאנצע זאך פון אנהאלטן א פרישקייט אין מערידזש און נישט ווערן נאכגעלאזט און בדיעבד'דיג איז געוואנדן צו מען זאגט משניות.

אז מען זאגט משניות איז די מערידזש פריש, אז מען זאגט נישט קיין משניות גייט אוועק די צייט מיט זוכן חסרונות און פראבלעמען אויף די ווייב. מען ווערט א ביזי מענטש, ביזי מיט זוכן עפעס א זאך צו שיקן די ווייב פאר היעלינג.

אדער איז מען ביזי מיט זאגן משניות, אדער איז מען ביזי מיט שיקן די ווייב פאר היעלינג.

אדער זאגט מען משניות, אדער לעבט מען ווי צוויי בלעימערס (BLAMER), ער בלעימט איר, און זי קאונטער-בלעימט אים, דערנאך גייט ער זי קאונטער-קאונטער-בלעימען, דערנאך גייט זי אים קאונטער-קאונטער-קאונטער-בלעימען. אזוי לעבט מען א זיבעציג יארעדיגע קאונטער קאונטער קאונטער קאונטער קאונטער קאונטער לעבן.

און דאס וואס דו זאגסט אז מען קען פלאצן ווען די ווייב זאגט אנדערש ווי איך טראכט, ווייל איך דיר זאגן אז מען קען טאקע פלאצן, דער אייבערשטער האט אזוי באשאפן די בריאה אז צוויי מענטשן קענען פלאצן איינער פון צווייטן.

צוויי עפלער פלאצן נישט איינער פון צווייטן, צוויי טישן אויך נישט, צוויי בענקענ'ס אויך נישט.

צוויי מענטשן זענען באשאפן צו טראכטן אנדערש איינער פון צווייטן. אז מען קוקט צום אייבערשטן פאלט אין די זייט די מענטשליכע נערוועזמאכנדיגע דיפערענצן.

די תכלית איז נישט אז ביידע גייען טראכטן די זעלבע אויף יעדן פרט אין לעבן, די תכלית איז אז ביידע גייען קוקן אויף איין ציל וואו מען וויל אנקומען.

וואו וויל איך אנקומען? איך וויל אנקומען צום אייבערשטן. דאס איז די ציל, דאס איז די פיינעל דעסטינעישן.

ווי גרעסער די ציל, ווערט קלענער די דיפערענצן.

ווי וויכטיגער די פיינעל דעסטינעישן, אלץ מער מינדערוויכטיג און אלץ גרינגער זענען די טאג טעגליכע אישו'ס.

אז מען זאגט משניות ווערט מען נישט איבערגענומען ווען איינער האלט אנדערש ווי איך.

דאס זאגן משניות וועט מאכן אז דו זאלסט נישט זיין קיין אני ואפסי'ניק.

פרוביר איין פרק, דו וועסט זען וואונדערבארע רעזולטאטן.

# א מעשה פון א צדיק

# א שטארקע רצון

אהרן קליטניק

דער הייליגער צדיק רבי יוסף תאומים זכרונו לברכה האט מחבר געווען דעם ספר פרי מגדים, אן הלכה ספר אויף שלחן ערוך, וואס איז געווארן אנגענומען אין די גאנצע וועלט, און מען פסק'נט אזוי ווי זיין פסק.

דער הייליגער זלאטשובער מגיד רבי יחיאל מיכל פון זלאטשוב זכותו יגן עלינו האט עדות געזאגט אז פון הימל איז ארויס א כרוז און אויסגערופן "ער וועט זוכה זיין אז מען גייט פסק'נען ווי אים, ווייל ער האט געלערנט תורה מיט טהרה, ולשם שמים פארן אייבערשטנ'ס וועגן".

אזוי אויך האט דער הייליגער צאנזער רב, דער בעל דברי חיים זכותו יגן עלינו געזאגט אז דער ספר פרי מגדים האט זיך ארייגעשטופט צו זיין צווישן די גרויסע פוסקים, און נישט נאר דאס, נאר די הלכה פסק'נט מען ווי אים.

די צדיקים האבן אונז דערציילט און מגלה געווען, וואס ליגט אונטער דעם? וואס האט ער געטון זוכה צו זיין צו דעם אז מען זאל פסק'נען ווי אים?

אין אנהייב האט ער בכלל נישט געהאט קיין גרויסע כשרונות אין תורה, אבער ער האט זיך געשטארקט און געלערנט ווייטער. וואס ער האט יא געהאט איז געווען דער רצון. זיין רצון איז געווען אזוי שטארק אז ער האט נישט נאכגעלאזט פאר קיין שום זאך. אין אנהייב האט ער נישט געהאט קיין געלט, ער איז געווען א גרויסער ארימאן, אבער מיט דעם אלעם האט ער געהאט מסירת נפש צו לערנען די הייליגע תורה.

ער האט אזוי ליב געהאט די הייליגע תורה אז ער האט זיך נישט אפגעשטעלט קיין מינוט, נאר ער האט געלערנט אן קיין אפשטעל. זיין תורה האט ער נישט געהאלטן פאר זיך, נאר ער פלעגט אלץ צאמרופן מענטשן און לערנען מיט זיי און זיי אויסלערנען די הייליגע תורה. אזוי אויך האט ער געהאט תלמידים - קינדער וואס ער פלעגט לערנען מיט זיי. ער איז געווען גאר א גרויסער עניו, ווען ער פלעגט חתמ'ענען אויף א צעטל פלעגט ער זיך שרייבן "יוסף מלמד תינוקות" אדער "יוסף מקרי דרדקי". אזוי האט ער זוכה געווען אז זיין ספר פרי מגדים איז געווארן אנגענומען אין כלל ישראל.

מוהרא"ש האט אויסגעפירט: יעדער מענטש קען זיין אזוי. אויב ער וועט האבן א שטארקע ווילן און בענקשאפט צו די הייליגע תורה און וועט לערנען לשם שמים, פשוט צו ווערן נאנט צום הייליגן באשעפער, וועט ער זוכה זיין צו גאר גרויסע זאכן. גארנישט אין דער וועלט וועט אים קענען צוברעכן.

*שיחות מוהרא"ש חלק ג' ערך לימוד*



ספר
גנת וורדים
אשר חיבר כבוד הרב ... מוהר"ר יוסף ... המחבר ספר פורת יוסף ...
בהוצאה בית מסחר הספרים של הר"ר עקיבא פרענקל בווארשא
פיעטרקוב
בדפוס של הרבני הנגיד וכו' מו"ה פייבל בעלכאטאווסקי נ"י
בשנת תרמד לפ"ק
ГИНАСЪ ВРУДИМЪ
въ Типографіи Ф. Белхатовскаго въ г. Петроковѣ
1884



ספר
פרי מגדים
והוא ביאור חיש ופירוש מספיק על שולחן ערוך מבחר
אורח חיים
משבצות זהב | אשל אברהם
ווארשא





## דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסשטייגער

### קמ"ה

## פארזעצונג פון פריער:

**י"ב שְׁבַט, שַׁבָּת שִׁירָה, אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוֶוען אִין שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע. דֶעם רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער חַיָה אִיז דֶעמָאלְט דָארְט גֶעוֶוען, זִי הָאט גֶעלִיטְן דֶעמָאלְט אוֹיף אַ גֶעוִויסֶע קְרֶענְק אוֹיף דִי אוֹיגְן, בִּיז זִי אִיז כִּמְעַט בְּלִינְד גֶעוָוארְן לֹא עָלֵינוּ.**

**דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס צַעַר דֶערְפוּן, אוּן עֶר הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט תּוֹרָה אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז זִי גֶענְצְלִיךְ אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן.**

י"ט אָדָר אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן זַיינֶע שְׁרִיפְטְן אֵיין סֵפֶר וָואס אִיז גֶעוֶוען גֶעשְׁרִיבְּן בִּכְתַב יַד קָדְשׁוֹ, עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעשְׁנִיטְן פוּן דָארְט עֶטְלִיכֶע בּוֹיגְנְס פוּן דִי תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דִי תּוֹרָה "תִּשְׁעָה תִּקּוּנִין" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כ') וִוי אוֹיבְן דֶערְמַאנְט (סִימָן תק"ט), אוּן עֶר הָאט עֶס גֶעגֶעבְּן פַאר רֶבִּי נָתָן עֶר זָאל עֶס אִיבֶּערְשְׁרַייבְּן.

דִי תּוֹרָה הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיפְ'ן בּוֹיגְן אִינְמִיטְן אַ בְּלַאט, וָואס פוּן אוֹיבְן אוֹיף דֶעם בְּלַאט אִיז גֶעוֶוען גֶעשְׁרִיבְּן אַן אַנְדֶערֶע תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעבְּן יֶענֶע תּוֹרָה פַאר רֶבִּי נָתָן צוּ שְׁרַייבְּן, דֶערִיבֶּער הָאט דֶער רֶבִּי גֶעמוּזְט פָארְזָאגְן דִי אָנְהוֹיבּ פוּן דִי תּוֹרָה פַאר רֶבִּי נָתָן אוֹיף אוֹיסְנְוֵוייְנִיג, וָוארְט בַּיי וָוארְט, אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן יֶעדֶעס וָוארְט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים פָארְגֶעזָאגְט.

אִינְצְוִוישְׁן אִיז דֶער רֶבִּי אַרַיין אִין אַ גְרוֹיסֶע הִתְלַהֲבוּת, זַיין פָּנִים הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שַׁיינֶען אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר רוֹיט, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אַבִּיסְל אִינְמִיטְן, אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיף דֶעם.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אַז יֶענֶע נַאכְט אִיז אוֹיסְגֶעפַאלְן דִי יָארְצַייט פוּן זַיין מַאמֶע, אוּן עֶר הָאט פַארְגֶעסְן צוּ צִינְדֶען אַ לִיכְט אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעזָאגְט קַדִּישׁ פַאר אִיר, [עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט אַן עִיבּוּר יָאר, וָואס מֶען הַאלְט דִי יָארְצַייט אִין בֵּיידֶע חֳדָשִׁים פוּן אָדָר], אוּן אִינְמִיטְן שְׁרַייבְּן דִי תּוֹרָה אִיז זַיין מַאמֶע גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן אִים דֶערְמַאנְט אִיבֶּער דִי יָארְצַייט.

דֶער רֶבִּי הָאט גְלַייךְ גֶערוּפְן אַ מִנְיָן אִידְן, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת אוּן גֶעזָאגְט קַדִּישׁ, אוּן עֶר הָאט גֶעצִינְדֶען אַ לִיכְט פַאר אִיר.

אִינְדֶערְפְרִי הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיךְ גֶערוּפְן אַ מִנְיָן צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעדַאוֶוענְט פַארְ'ן עָמוּד, עֶר הָאט גֶעזָאגְט בָּרְכוּ אוּן קְדוּשָׁה, אוּן שְׁפֶּעטֶער אוֹיךְ אַלֶע קַדִּישִׁים פוּן "וּבָא לְצִיּוֹן", "תְּפִלָּה לְדָוִד", "פִּטּוּם הַקְּטוֹרֶת", אוּן "עָלֵינוּ", אַלֶע קַדִּישִׁים הָאט עֶר אַלֵיין גֶעזָאגְט. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת אוּן גֶעזָאגְט קַדִּישׁ דְּרַבָּנָן.

דֶער רֶבִּי הָאט נָאכְדֶעם גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט קֵיינְמָאל פַארְדֶעם אִין זַיין לֶעבְּן נִישְׁט גֶעדַאוֶוענְט פַארְ'ן עָמוּד. דָאס אִיז גֶעוֶוען דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט בָּרְכוּ אוּן קְדוּשָׁה פַארְ'ן עָמוּד.

דֶערְנָאךְ הָאט רֶבִּי נָתָן זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אִיבֶּער דֶעם וָואס זַיין שְׁוֶוער מוּטְשֶׁעט אִים צוּ דִינֶען אַלְס רָב אִין אֵיינֶע פוּן זַיינֶע שְׁטֶעט. הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט, "פַארְוָואס טַאקֶע נִישְׁט? אַדְרַבָּה, פָאר צוּ דַיין שְׁוֶוער אוּן בֶּעט אִים עֶפֶּעס אַ רַבָּנוּת פָּאסְטְן!", הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אִיךְ הָאבּ אָבֶּער מוֹרָא פוּן פַּסְקְ'עֶנֶען שְׁאֵלוֹת אִין אִיסוּר וְהֶיתֵּר, אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ מַאכְן אַ טָעוּת חַס וְשָׁלוֹם, אִיךְ וֶועל פַּסְקְ'עֶנֶען נִישְׁט רִיכְטִיג", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז עֶר דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן דֶעם, "אוֹיבּ דוּ טְרֶעפְסְט אֵיין פּוֹסֵק וָואס פַּסְקְ'נְט אַזוֹי, קֶענְסְטוּ זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף דֶעם. יֶעצְט קֶענְסְטוּ רוּאִיג גֵיין בֶּעטְן אַ רַבָּנוּת פָּאסְטְן פוּן דַיין שְׁוֶוער".

הָאט רֶבִּי נָתָן צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן, "דֶער רֶבִּי מֵיינְט דָאס מִיט אַן אֱמֶת", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "יָא!", הָאט רֶבִּי נָתָן ווִידֶער אִיבֶּערְגֶעפְרֶעגְט, "מִיט אַן אֱמֶת'ן אֱמֶת?", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט, "ווִילְסְט דֶעם אֱמֶת'ן אֱמֶת?! שְׁטֵייזְשֶׁע דָא!", עֶר הָאט אִים גֶעוִויזְן מִיט זַיין הֵיילִיג הַאנְט אַז עֶר זָאל בְּלַייבְּן בַּיי אִים.

רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט מִיט דֶעם זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוָוארְן קֵיין רָב, נָאר עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

# קוק אהער

## אויך מיר א קעכער

די טרעפיק רירט זיך נישט. די וועג וואס דארף נעמען צוויי שעה האלט שוין ביי איבער פיר. די וועגווייזער זאגט אז דערווייל איז די וועג רויט פאר נאך א שעה. טראכט אפילו נישט פון אנקומען.

ב"ה אז מנחה האב איך שוין געדאווענט פארן ארויספארן, אבער געהעריג געגעסן האב איך נאכנישט אנגעיאגט היינט, און ס'הייבט מיר אן ציען די הונגער.

נאך א האלבע שעה איז אריבער, אלעס איז נאך רויט. ס'שפירט זיך ווי מיין קאר האט זיך פאראויס גערוקט אפשר צען אינטשעס. די אלבום וואס שפילט אין מיין אוטא גייט שוין איבערזינגען צום זיבעטן מאל. וואס טוט מען דא?

נאך צוואנציג מינוט זיצן אויפן זעלבן פלאץ, ווען גארנישט רוקט זיך נישט, האט זיך ענדליך די קאר פון פארנט געגעבן עטוואס א ריר. אה, די שמחה איז גרויס! מ'פארט צושטייט נאך א טראפ און נאך א טראפ, און די הונגער ציט שטערקער און שטערקער מיט יעדע פארבייגייענדיגע מינוט!

מיין מוח רוישט שוין. וואס וועל איך קויפן צו עסן איינמאל איך קום אן? מילכיגס? פליישיגס? א גוטן סענדוויטש אדער א פיינע פארציע? די טרעפיק רוקט זיך אזוי שטייט, איך קען נישט מער!

נאך א שעה און א האלב איז אדורך פון פילן ווי איך פלאץ אוועק און פון דמיונ'ען פון וועלכע עסן איך גיי מיך איינהאנדלען. אזוי ווי איך קום נאר אן, זע איך מיך שוין ביים עקזיט. אהה, ענדליך...

מיין קאר פליט מיט א שנעלקייט ארויף די גאסן. איך שפיר ווי איך פארנעם שוין נישט דעם הונגער. איך שטעל זיך אפ ביים ערשטן רעסטוראנט. מיט דעם אטעם אין האנט לויף איך אריין. איך קוק מיך אום וואס האט ער דא פאר מיר עפעס צו עסן.

מיין נאז איז צוגעקוועטשט צום גלאז. איך באטראכט דעם שטיקל פלייש דארט. מע. די קוגל, מע. אפשר א האליפצע? מע, קומט סתם אזוי נישט אריין... די סאלאטן? הממממ... נא, ס'ציט עפעס נישט. איך בין טאקע אויסגעהונגערט, אבער גארנישט ציט מיך עפעס נישט...

ארויף די גאס איז דא נאך א רעסטוראנט. איך מיין איך גיי אהין שלעפן מיין הונגעריגע נשמה. דא ציט מיך ממש גארנישט...

אזוי שלעפ איך זיך ארויף די לאנגע קאלטע גאס אויסגעהונגערט, האפנדיג אז דארט וועל איך יא טרעפן עפעס וואס קוקט אויס מער בא'טעמ'ט, עפעס וואס זאל מיר שטילן מיין הונגער.

ווייטער שטיי איך צוגעקלעבט צום גלאז. וואס טו איך? ס'ציט עפעס נישט... סעסעמי טשיקן? נע. זיס און זויער טשיקן? נא. א פרענק אפשר? נאופּ. הייסע פאסטראמי? הממם, ניין! איך בין הונגעריג ווי א בער. איך שפיר ווי איך גיי איינעם פארציקן פאר הונגער, אבער וואס טו איך אז גארנישט איז עפעס נישט אפעטיטלעך?

איך ווארף מיינע אויגן צום בעל הבית, איך פרוביר צו פארשטיין פארוואס גארנישט ציט מיך נישט ווען איך בין אזוי הונגעריג. איך געב א קוק און זע אז דער בעל הבית איז אויסגעמאאגערט און אויך ביים פריערדיגן רעסטוראנט איז דער בעל הבית אן אויסגעדארטער. אלעס שטימט שוין, אויב גלייכט ער נישט זיין אייגענע עסן ווי אזוי קען איך עס גלייכן?

אויב דאס עסן וואס ער אליין גרייט אן ציט אים נישט, ער עסט עס נישט, דאן

## דאס און יענץ מיט א טיפערע אריינבליק

**ישראל דוד העסקעל**



פארוואס זאל א צווייטער עס יא וועלן עסן?

שבת קודש פרשת ויגש ביי סיפורי מעשיות האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ער פרעגט מענטשן "עטץ לערנטס עצתו אמונה" און דער תירוץ איז אז די לעצטע פאר וואכן איז טאקע נישט אויסגעקומען צו לערנען עצתו אמונה.

ב"ה אז מ'גייט הפצה און מ'פארשפרייט די זיסע לעכטיגע עצות פון רבי'ן, אבער נישט נאר יענער דארף האבן דעם עצתו אמונה, איך דארף עס אויך האבן!

ווי אזוי קען איך געבן פאר יענעם צו טרינקען פון א קוואל אויב איך אליין טרינק נישט צוערשט?

ביים ארומשיקן א חיזוק יומי פאר מיינע באקאנטע טראכט איך אלץ 'יא דער חיזוק יומי מוז טאקע יענער הערן און דאס איז טאקע פאר יענעם א שטארקע מעסעדזש...'

און וואס איז מיט מיר?

איך בין דער ערשטער וואס מוז עס קאסטן, איך בין דער ערשטער וואס דארף הערן דעם חיזוק יומי. די עצתו אמונה מאכט טאקע לעכטיג די וועלט און זיכער זאל מען גיין מיט דעם הפצה עס פארשפרייטן פאר גאנץ כלל ישראל, אבער קודם דארף איך עס פאר מיר!

ווי אזוי קען יענער וואס מוז טאקע הערן דעם שיעור און לערנען דעם בריוו, ס'איז ממש געאייגנט פאר אים, אבער ווי אזוי קען ער עס נעמען פון דיר אויב האסטו עס נאכנישט געקאסט, אויב דו ווערסט נישט זאט פון וואס דו פארקויפסט ווי אזוי קענסטו עס פארקויפן פאר אנדערע?

דא רעדט דאך דער ראש ישיבה אזוי שטארק וועגן כיבוד אב ואם, לאמיך עס שיקן פאר מיין ברודער, ער מוז עס טאקע הערן...

און וואס איז מיט דיר? דו האסט עס שוין געהערט? וואו האלט דיין כיבוד אב ואם? אוודאי שיק עס פאר דיין ברודער און פאר אלע דיינע באקאנטע, אבער פארגעס נישט ס'איז קודם פאר דיר!

אויב דו ווערסט טאקע זיין שטארק מיט די זיסע לעכטיגע עצות און דו ווערסט זיך פירן ווי אזוי דער ראש ישיבה לערנט זיך צו פירן, וועסטו קענען משפיע זיין אויף נאך איינעם ער זאל אויך אננעמען די זיסע וועג פון לעבן.

אבער אויב נאר יענער מוז אננעמען דעם דרך הלימוד און יענער דארף וויסן אז דער רבי' האט אן עצה פון זאגן תורה און דו עפענסט נישט קיין משניות, ווי אזוי קען עס יענער אננעמען?

שכח אייבערשטער אז מיר לערנען עצתו אמונה און מיר זענען זיך מחיה מיט די לעכטיגע זיסע שיעורים פון דעם ראש ישיבה וואס געבט אונז אזא זיסע וועג צו קענען לעבן סיי ברוחניות און סיי בגשמיות מיט די זיסע וועג פון רבי'ן וואס ווער ס'פאלגט אן קיין חכמות לעבט א גן עדן שוין אויף דער וועלט.

לאמיר טאקע פארשפרייטן פאר די גאנצע וועלט אז יעדער זאל וויסן פון אזא רבי' וואס קען יעדן איינעם העלפן אין יעדן מצב, און טאקע אנגעהויבן פון זיך. לאמיך מאכן די ערשטע הפצה מיט מיר, איך בין קודם מפיץ די עצתו אמונה פאר מיר. לאמיך לעבן מיט די זיסע לעכטיגע עצות און נאכדעם וועל איך עס קענען געבן פאר יענעם און צוריקברענגען די גאנצע וועלט צום אייבערשטן!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**



# א נסיעה מיטן ראש ישיבה שליט״א

גאר א דערהויבענע און וויכטיגע נסיעה איז פארגעקומען פאריגע וואך דורכן ראש ישיבה שליט״א, קיין ארץ ישראל, צו מחזק זיין אנשי שלומינו, און אזוי אויך צו אוועקשטעלן די הייליגע מוסדות, וואס איז שוין היינט אויף דריי באזונדערע מקומות: ירושלים, בני ברק און טבריה.

נישט יעדן טאג מאכט זיך א נסיעה פונעם ראש ישיבה שליט״א קיין ארץ ישראל. אבער ווען עס קומט די צייט און מ׳פארט מחזק זיין אנשי שלומינו אין ארץ ישראל, ווילן אלע וויסן און מיטהאלטן פונקטליך וואס ס׳האט זיך דארט אפגעשפילט, און וויאזוי די נסיעה איז אריבער.

צוליב דעם האבן מיר זיך פארבינדן מיטן גבאי און באגלייטער אונזער חבר מו״ה יעקב פיש הי״ו ער זאל אונז פארציילן די השתלשלות הנסיעה פון אנהייב ווען די פלענער האבן זיך אנגעהויבן וועבן, ביזן סוף ווען מ׳האט זיך געטראפן צוריק אינדערהיים.

לייענט און נעמט ארויס גוטע טיפס אויפן טאג טעגליכן לעבן.

ישראל דוד העסקעל

**שלום עליכם ר' יענקל, מיר זענען זייער פרייליך אז דו ביסט צוריקגעקומען און דו ביסט מיט אונז אין אמעריקע, דו ביסט נישט געבליבן אין ארץ ישראל. מיר ווילן דיר בעטן אויב דו קענסט מיטטיילן מיט אונז אביסל פון דיין נסיעה וואס דו האסט געהאט פאריגע וואך מיטן ראש ישיבה שליט"א.**

**איז צום ערשט איז די שאלה, ווען האסטו אויסגעפונען אז דו גייסט זיין דעם ראש ישיבה'ס באגלייטער ביי די נסיעה?**

שכח אייבערשטער אז איך האב געהאט די זכי' צו באגלייטן דעם ראש ישיבה און צו קענען זיין די רעכטע האנט צו וואס ער האט נאר געדארפט האבן. און גלייב מיר אז ס'איז נישט אלץ געווען גרינג. אסאך מאל קוקט מען אויף יענעם'ס נסיעה פון א זייטיגע קוק ווינקל, ער פארט מיט, ער פארט קיין ארץ ישראל, אוודאי, ס'איז זייער זייער זייער געשמאק געווען פון איין זייט. אבער פון די אנדערע זייט האב איך געטראכט אזוי ווי ס'איז טאקע דא מענטשן וואס טראכטן, אז ער גייט, ער פארט זיך קיין ארץ ישראל, ער טשילט. יא, ס'איז זייער געשמאק, יעדע מינוט האט זיך אויסגעצאלט טויזנטער מאל. אבער צו זיין נעבן דעם ראש ישיבה א גאנצע צייט און מיטהאלטן סטעפ ביי סטעפ צו זען וואס דער ראש ישיבה טוט, די כוחות וואס דער ראש ישיבה לייגט אריין, וואס ס'איז באמת נישט משיג צו זיין די עבודה וואס דער ראש ישיבה געבט זיך אוועק, ער לייגט אריין אזעלכע כוחות, איך ווייס נישט וויאזוי א מענטש האט אפילו די כוחות, און אויף דעם סדר היום האב איך געדארפט מיטהאלטן במשך די גאנצע צייט.

ס'איז נישט קיין סוד פאר קיינעם די עבודה וואס דער ראש ישיבה לייגט אריין טאג טעגליך, סיי מיט'ן שרייבן די בריוון, מיט'ן שרייבן ספרים, און נאכדעם זיין פארנומען מיט די תלמידים אין ישיבה, מיט די קינדער אין חדר, און די מיידלעך אין סקול, קאפלס, שלום בית, עלטערן וואס מאכן חתונה קינדער, מ'איז פארנומען מיט זיי אין יעדן פרט און פרט. מ'דארף אנמערקן אז דער ראש ישיבה איז נישט איינער וואס איז אויסגעשלאסן פון די וועלט און זיצט אויף א בענקל און מ'קומט צו אים פאר ברכות און ער וואונטשט.  דער ראש ישיבה האלט מיט יעדן איינציגסטן דעטאל פון יעדן תלמיד, סיי וואס האבן געלערנט ביי אים און סיי וואס זענען מקורב געווארן תלמידים וואס האבן נישט געלערנט אין ישיבה און אין חדר.

דורכאויס די אלע יארן קען יעדער תלמיד פארציילן זייער אסאך מעשיות וואס ער האט געזען, מעשיות וואס ס'שטעלט זיך נישט אויפ'ן שכל וויאזוי דער ראש ישיבה איז איין מענטש און פרובירט צו געבן יעדן איינעם א גוט ווארט ווען ער דארף עס האבן, און מדריך זיין יעדן איינציגסטן מענטש.

אזויווי אלע האבן מיטגעהאלטן, האט דער ראש ישיבה געהאט אן אייניקל ביי זיין איידעם מו"ה נתנאל שליט"א. ווען די אייניקל איז געבוירן געווארן, האט דער ראש ישיבה אנגעהויבן טראכטן פון פארן. דער ראש ישיבה האט שוין לאנג געטראכט פון פארן, יעדער האט מיטגעהאלטן פון די בריוו אז דער ראש ישיבה וויל פארן. דער ראש ישיבה האט מיר געזאגט אז אויב ס'וואלט געווען א יונגל וואלט ער געדארפט דא בלייבן פארן ברית, וואס צוליב דעם וואלט ער נישט געפארן יעצט קיין ארץ ישראל און ער וואלט געפארן אן אנדערע געלעגנהייט.

איך האב באקומען די ערשטע ידיעה אז ער וויל פארן אויף ארץ ישראל דאנערשטאג פרשת ויגש, איך האב געפרעגט דעם ראש ישיבה אויב איך זאל מאכן טיקעטס, האט דער ראש ישיבה געזאגט יא, און ער האט מיך געזאגט פונקטלעך ווען ער וויל ארויספארן און ווען ער וויל צוריקקומען. איך האב גערופן אונזער טרעוול אגענט מו"ה אלי קנאל הי"ו פון נסיעה טרעוול, איך האב אים געזאגט ער זאל מאכן טיקעטס פארן ראש ישיבה פונקט ווי דער ראש ישיבה האט געזאגט ווען ער וויל ארויספארן און ווען ער וויל צוריקקומען. און ברוך השם, די טיקעטס זענען געווען גרייט דאנערשטאג נאכט.

צווישן דאנערשטאג נאכט און פרייטאג צופרי האט מען מודיע געווען פאר די ארץ ישראל'דיגע עולם אז דער ראש ישיבה גרייט זיך צו קומען, זיי האבן געדארפט מאכן שנעלע פלענער ווען דער ראש ישיבה וועט אנקומען דארט.

**האסטו פריער געזאגט אז דער ראש ישיבה האט אינגאנצן אן אנדערע סדר היום פון א געווענליכע מענטש, ספעציעל ווען עס קומט צו א נסיעה, דער ראש ישיבה זאגט אלעמאל אז ער שלאפט שנעל. דו אלס באגלייטער, וואס דו האסט געדארפט זיין די גאנצע צייט איבעראל מיטן ראש ישיבה, ביסטו אויך געווען אויף דעם סדר היום?**

יא, ברוך השם, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן פארדעם אז איך זאל קענען, אז איך זאל נישט סתם גיין נאר טאקע קענען מיטהאלטן מיטן ראש ישיבה די גאנצע נסיעה. דער ראש ישיבה זאגט אסאך מאל "וועסט שוין שלאפן ווען דו קומסט צוריק פון אומאן, וועסט שוין שלאפן ווען דו קומסט צוריק קיין אמעריקע אדער פון קעמפ, וועסט שוין שלאפן א גאנץ ווינטער."

ברוך השם, איך האב געקענט פאלגן וואס דער ראש ישיבה זאגט און איך בין אויך ברוך השם געווען בערך אויף די זעלבע סדר היום. איך בין געגאנגען שלאפן די זעלבע צייט ווי דער ראש ישיבה און איך בין אויפגעשטאנען די זעלבע צייט ווי דער ראש ישיבה.  אפילו דער ראש ישיבה האט מיר געבעטן זיך אויסצורוען און צו עסן, דער ראש ישיבה האט מיר געפרעגט איין צופרי "וואס שטייסטו יעצט אויף?" אבער איך האב שוין געהאט די כוחות ב"ה, קען זיין אז דער ראש ישיבה האט

# געשטענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב





**דער ראש ישיבה שליט"א בייםאויפטרעטן ביים יארצייט פון רבי נתן זיע"א אין בני ברק - ב' ויחי**

קרעדיט: שמעון עוזר פערל, יענקי פיש




**מעריב נאכן יארצייט סעודה אין בני ברק - ב' ויחי**

קרעדיט: שמעון עוזר פערל, איציק מענדלאוויטש










**אנשי שלומינו ביים געבן שלום פארן ראש ישיבה שליט"א נאכן יארצייט סעודה אין בני ברק - ב' ויחי**

קרעדיט: איציק מענדלאוויטש

געוואלט איך זאל אים באגלייטן, האט מען מיר אפשר געגעבן די כוחות איך זאל אויך קענען זיין צו דער האנט די גאנצע צייט וואס דער ראש ישיבה איז געווען אויף.

אינמיטן די נסיעה האב איך אנגעהויבן היסטן, און זיך נישט גוט שפירן, דער ראש ישיבה זאגט מיר, "דו קענסט מיר נישט יעצט ווערן פארקילט דא." און כהרף עין, פלוצלינג האב איך אנגעהויבן ווערן בעסער, און די נעקסטע צופרי בין איך אויפגעשטאנען א נייער מענטש, איך בין שוין נישט געווען פארקילט מער!

איך בין געפארן אין עירפארט, איך האב אויסגערעכנט צו זיין דארט פאר דער ראש ישיבה קומט אן, די פלייט איז געווען 11:30, איך בין געקומען אין עירפארט בערך 9:00, דער ראש ישיבה איז געקומען בערך 9:20. איינמאל דער ראש ישיבה איז אנגעקומען אין עירפארט, איז מען גלייך אריינגעגאנגען, מ'האט אריינגעטשעקט, און גלייך נאכ'ן ארייננטשעקן זאגט מיר דער ראש ישיבה, "זאג אז מיר זענען חברים, מיר זענען פרענדס."

איך האב נישט גראד געכאפט וואס דאס מיינט, אבער א סעקונדע שפעטער האב איך געכאפט אז די חברה גייען גלייך פרעגן פארוואס זענט איר צוזאמען? די דארטיגע סעקיוריטי פרעגט דאך אלע אינטערעסאנטע שאלות... איך האב שוין געכאפט אז זיי גייען מיר פרעגן און איך גיי זאגן "פרענדס". ס'איז מיר א שווערע זאך צו זאגן, אז מ'פרעגט מיר "ווער ביסטו?", איך בין א פרענד... קען איך דען זאגן אז דער ראש ישיבה איז מיין פרענד? דער ראש ישיבה איז נישט מיין פרענד, דער ראש ישיבה איז מיין רבי! אבער... אבער דאס דארף איך אויך פאלגן.

## וויפיל צייט פארן פלייט ביסטו געווען דארט?

צוויי שעה פאר די פלייט בין איך געווען אויפ'ן ליין פון סעקיוריטי. איינמאל מ'איז אדורך סעקיוריטי, האט מיר דער ראש ישיבה געזאגט "קוק אהער מ'האט אהערגעשטעלט א גאנצע עירפארט, אלע ארבעטער מיט אלעס, אז מיר זאלן קענען פארן קיין ארץ ישראל". דער ראש ישיבה געבט מיר א פרעג "דו מיינסט איך האב די כח פאר די נסיעה יעצט? איך האב נישט קיין כח פאר די גאנצע נסיעה אבער וואס זאל איך טון אז איך דארף גיין... איך האב א גאנצע קהילה וואס ווארט אויף חיזוק איך דארף גיין מחזק זיין אנ"ש אין ארץ הקודש".

דער ראש ישיבה האט זיך אוועקגעזעצט ווארטן פארן פליגער און אנטקעגן איבער איז געזעסן א ליובאוויטשער איד און דער ראש ישיבה האט אים באגריסט אים געגעבן שלום, און דער איד פרעגט דער ראש ישיבה "איר זענט דער וואס געבט די אלע חיזוק שיעורים?" האט דער ראש ישיבה געענטפערט "יא." האט ער געזאגט "וואו! איך בין זיך ממש מחיה מיט די שיעורים"! דער ראש ישיבה האט געשמייכלט און הנאה געהאט.

דארט איז געווען א בחור וואס איז זייער פאפולער אין די מוזיק וועלט ביים היימישן עולם, ער איז צוגעקומען צו דער ראש ישיבה און געזאגט אז זיין טאטע לעבט פון די שיעורים און גיליונות, ער לאזט נישט אויס קיין איינע פון די בריוון, און דאס געבט ער איבער אויך אין שטוב, זיין גאנצע חיזוק און חיות איז פונעם ראש ישיבה.

איינמאל מ'האט זיך מסדר געווען אויפן פליגער, האט דער ראש ישיבה געזאגט שכח אייבערשטער פאר אזא באקוועמע זיץ, און צוגעלייגט אז ער האט נישט קיין כח צו פארן, נאר ער איז אלעמאל פריילך ווי ער איז. למשל, יעצט איז מען אויפן פליגער, איז ער זייער פריילך צו זיין אויפן פליגער. ווען מ'איז אנגעקומען אין ארץ ישראל און מ'איז געווען אין די דירה, האט דער ראש ישיבה געזאגט, "איך בין זייער באקוועם דא, איך האב אבער א שטוב א ווייב מיט קינדער וועל איך דארפן אהיימפארן." אבער בעצם בין איך דא זייער פריילך, וואו איך געפין זיך בין איך דארט פריילך.

דער ראש ישיבה האט ארויסגענומען צעטליך צו קענען שרייבן בריוו, איך האב מיטגעברענגט אזא הארטע קליפבארד פאר דער ראש ישיבה צו קענען גרינגער שרייבן בריוו פון וואס דער ראש ישיבה האט זייער הנאה געהאט.

איך האב פרובירט צו טראכטן פאר איך בין געפארן אויף די נסיעה, וואס איך קען ברענגען פאר דער ראש ישיבה, ער זאל האבן אלעס און זיין באקוועם. איך האב ארומגערופן עטליכע מענטשן וואס זענען שוין געפלויגן מיט דער ראש ישיבה אדער די משפחה, פרעגן וואס דער ראש ישיבה גלייכט וואס איך קען מיטברענגען צו מאכן מער באקוועם. איך בין געגאנגען קויפן אזעלכע קליינע באטלעך צו קענען אריינפאקן מילך, און איך האב מיטגענומען קאווע. אויך האב איך האב מיטגענומען גרויסע ספרים, א גרויסע תהלים, א גרויסע משניות, אז דער ראש ישיבה זאל קענען לערנען אויפן פליגער.

דער ראש ישיבה האט געשריבן בריוו אויפן פליגער. און נאך אפאר שעה שרייבן זאגט מיר דער ראש ישיבה אז ער האלט נאך ביי אכט בריוון, און צו קענען ארויסגעבן די וועכענטליכע עצתו אמונה מוז זיין כאטש דרייסיג בריוו. דער ראש ישיבה האט צוגעענדיגט שרייבן נאך צוויי בריוו אז ס'זאל זיין כאטש צען, און ער האט געהאפט צום אייבערשטן אז ער וועט קענען ווייטער שרייבן דורכאויס די נסיעה צו קענען אנקומען צו דרייסיג בריוון.

## שלום עליכם

אנקומענדיג אין ארץ ישראל האט אונז אפגעווארט מו"ה יצחק שמואל פרענקל הי"ו, מו"ה אברהם ראטמאן הי"ו, מו"ה יצחק פאפענהיים הי"ו, מו"ה אברהם נחום הי"ו, און מו"ה שמעון עוזר פערל הי"ו. דער ראש ישיבה האט געשמועסט דארט אין עירפארט אפאר מינוט, מ'האט גערעדט פון די ספרים וואס קומען ארויס וואס ברענגען נאך פון שטיקלעך הייליגן רבי'ן. דער ראש ישיבה האט געזאגט, "איך גלייך זייער ווען א מענטש געבט ארויס א ספר און ער דערמאנט דעם רבי'נס נאמען, איך פאל פאר דעם גלייך."

נאכדעם האט דער ראש ישיבה גערעדט וועגן די מוסדות, וואס די פלאן אויף ווייטער איז. גלייךביים אנקומען אין עירפארט האט דער ראש ישיבה גערעדט וויאזוי מ'קען בעסער מאכן די מוסדות.

דער ראש ישיבה געפרעגט ווי לאנג קען מען נאך דא זיצן? ווייל ווען דער ראש ישיבה קומט קיין ארץ ישראל, מאכט די הנהלה די סדר היום פאר דער ראש ישיבה זיי ווייסן וואס מ'דארף אלס דעקן, זיי ווייסן די וויכטיגע זאכן וואו דער ראש ישיבה דארף אלס אנקומען.

פונעם עירפארט איז מען געפארן קיין בני ברק צום יארצייט סעודה פון רבי נתן זי"ע, דארט איז געווען א מצב וואס איך מיין איך האב נאך נישט געזען. ווען דער ראש ישיבה איז אריינגעקומען אין זאל האט די עולם אנגעהויבן זינגען, ס'האט זיך געפילט עפעס אזוי אויפגעלייגט, אזוי פרייליך אז דער ראש ישיבה איז געקומען. איינער פון די גבאים האט מיר געזאגט אז די זעקס הונדערט מענטשן וואס דו זעסט דא, דאס איז מיט א לעצטע מינוט מעלדן. ווען דער ראש ישיבה וואלט מודיע געווען צוויי טעג פריער אז ער קומט, וואלסטו נישט געקענט אריינגיין אין דעם זאל.

איינע פון די שיינע זאכן איז געווען, אז ביי די מסיבה זענען געקומען די פרויען מיט די קינדער, די גאנצע משפחה, מקטן עד גדול, אנשים נשים וטף, אלעס איז דארט געווען.

עס זענען געווען דארט עלטערע אידן, רבנים, וואס זענען געקומען מקבל פנים זיין דער ראש ישיבה, ס'איז געווען א זייער זייער אינטערעסאנטע מראה צו זען ווי אזוי פיל מענטשן און נאכדערצו עלטערע מענטשן זענען געקומען מקבל פנים זיין דער ראש ישיבה.

נאך די מסיבה, האט דער גבאי מו"ה יואל לעווי הי"ו געזאגט פאר דער ראש ישיבה אז ער האט א בעט פאר אים צו שלאפן אין בני ברק. דער ראש ישיבה האט געוואלט גיין אויפצומארגנס באזוכן אין די תלמוד תורה, און אין די מיידל שולע אין בני ברק.

איך בין געפארן אויף א מהלך איז איך ערווארט גארנישט. יעדע זאך וואס איך האב באקומען איז געווען א באנוס. דארט וואו איך האב געקענט מיטגיין מיט דער ראש ישיבה איז געווען א פלוס. איך בין נישט געווען באליידיגט ווען איך האב געדארפט פארן מיט איינעם און דער ראש ישיבה מיט א צווייטן... מיין קאפ איז געפארן אז ווען דער ראש ישיבה דארף מיך האבן, בין איך גרייט.

ווען מיר זענען אנגעקומען צו ר' יואל לעווי אינדערהיים האט אונז אפגעווארט א גאנצע סעודה.

## ארבעט זיך נישט איבער פאר מיר

דער ראש ישיבה האט געשמועסט דארט און ארויסגעברענגט אז ס'איז דא מענטשן וואס זענען ברוגז אז דער ראש ישיבה האט נישט קיין צייט פאר אים... האט דער ראש ישיבה געזאגט אויף דעם "איך דארף אסאך מאל אהיימגיין עסן און שלאפן כדי צו גיין צו דיר."

די זעלבע איז מיט א מענטש וואס ארבעט פאר די מוסד, ער וויל טון פאר די מוסד, און ער ארבעט זיך איבער, ביז נאכדעם פלאצט ער. האט דער ראש ישיבה געזאגט "דו מוזט האבן א צייט, לאמיר זאגן דו ענדיגסט איינס אזייגער, גיי אוועק פון דארט, און אזוי וועסטו האבן כח מארגן צו טון ווייטער וואס דו טוסט".

אסאך מאל א מענטש מיינט אז ער גייט טון און טון און טון און טון, און נאכדעם, בום, ער קראכט. א מענטש מוז שעפן פרישע כח. דער ראש ישיבה האט עס ארויסגעברענגט אין אפאר אנדערע וועגן. לאמיר זאגן ביי א באטע, דער ראש ישיבה זיצט און שמועסט, און ער זאגט, אקעי, איך דארף ארויפגיין שלאפן. דער עולם וויל ווייטער הערן. אבער איך דארף ארויפגיין שלאפן, אז מארגן זאל איך ווייטער קענען זיצן מיט דיר און דיר געבן שיעורים און שמועסן און פארברענגען." פארשטייסט? איך גיי אוועק פון דיר צו גיין צו דיר.

נאכן בענטשן איז מען געגאנגען שלאפן. ס'איז געווען צוגעשטעלט א בעט פאר דער ראש ישיבה דארט אינדערהיים. איך בין געשלאפן דארט אין אן אנדערע דירה, גראד אויף די זעלבע שטאק.

אינדערפרי האט דער ראש ישיבה געדארפט צו גיין דאווענען אין חדר אבער דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ס'איז נישט אויסגעהאלטן צו ברענגען א ספר תורה נאר צוליב אים, דעריבער וועט ער גיין דאווענען דארט אינעם שול. דארט איז צוגעקומען א זון פונעם רב פונעם שול און זיך באדאנקט פארן ראש ישיבה פאר די שיינע שיעורים און ספרים און געזאגט פארן ראש ישיבה אז זיין שיינע שלום בית איז נאר א דאנק דער ראש ישיבה!

## מ'פארט קיין מירון צו רבי שמעון זי"ע

נאך שחרית איז דער ראש ישיבה געגאנגען אין חדר און דערנאך אין בית פיגא. נאכדעם האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ער וויל פארן קיין יבנאל. דער מנהל ר' יצחק האט געוואלט רעדן פריוואט מיטן ראש ישיבה וועגן די מוסדות, דעריבער בין איך פארן מיט א צווייטע קאר. למעשה, האט דער ראש ישיבה גערופן איינעם פון די גבאים, און אים געפרעגט, "וואו איז יענקי?" האט ער געזאגט אז ער גייט גיין מיט א צווייטע קאר, אזוי אז דער ראש ישיבה זאל קענען גיין מיט אים אליינס און שמועסן מיט אים פריוואט. האט דער ראש ישיבה געזאגט, "יענקי ווייסט אלעס סיי ווי, ער קען מיטקומען, ס'איז גארנישט. ער ווייסט סיי ווי אלעס."

שכח אייבערשטער איך האב מיך אריינגעזעצט אין די קאר, און מיר האבן זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג קיין יבנאל.

אויפן וועג זענען רוב פון די שמועסן געווען זאכן נוגע פאר די מוסדות, די פלענער וועגן די מוסדות ווי אזוי צו גיין ווייטער, און










**מסיבת הכרת הטוב פאר אנשי שלומינו וואס האבן זיך אנגעשלאסן אינעם קרן הצלה קאמפיין פארגאנגענע פסח שני להחזקת די מוסדות אין ארץ ישראל אין שטוב פון מו"ה נח לוין הי"ו אין אלעד - ג' ויחי**

קרעדיט: איציק מענדלאוויטש, יענקי פיש, משה וויינבערגער





**אין שטוב פון מו"ה יואל לעווי הי"ו אין בני ברק - ב' ויחי**

קרעדיט: איציק מענדלאוויטש





**אויפן וועג צו שחרית אין בני ברק - ג' ויחי**

קרעדיט: איציק מענדלאוויטש





**שחרית אין בני ברק - ג' ויחי**

קרעדיט: איציק מענדלאוויטש

בנוגע משפחות אין די מוסדות, און בנוגע תלמידים, תלמידות וכו'.

אזוי ווי מ'איז אנגעקומען נאנט צו טברי' האט דער ראש ישיבה געפרעגט דעם דרייווער ווי ווייט מיר זענען פון יבנאל. האט ער געזאגט, מיר זענען נאך א האלבע שעה. האט דער ראש ישיבה געזאגט "מיר זענען שוין דא אין טברי', מיר זענען שוין נאנט צום צפון, און איך פאר צו מיין רבי, פארוואס זאל איך נישט פארן צו רבי שמעון? לאמיר שוין פארן קיין רבי שמעון" האבן מיר פארקירעוועט די וועג קיין מירון צו רבי שמעון.

אנקומענדיג קיין מירון, איז דער ראש ישיבה קודם ארויפגעפארן צום ציון פון זיין זיידע באבע, און נאכדעם איז ער געגאנגען פון דארט צו רבי שמעון.

דער ראש ישיבה האט געדאווענט מנחה דארט, דער ראש ישיבה האט זייער שטארק געוואלט עולה זיין און דער גבאי האט טאקע מכבד געווען דער ראש ישיבה מיט אן עליה.

פון דארטן זענען מיר געפארן קיין טברי' צו רבי מאיר בעל הנס. דארט ביי רבי מאיר בעל הנס האט דער ראש ישיבה מתפלל געווען פאר אלע תומכים אלע וואס העלפן ארויס די מוסדות אין ארץ הקודש דער ראש ישיבה האט געצינדן א שמן לעכט און מתפלל געווען.

דארט האט דער ראש ישיבה געדאווענט מעריב, און פון דארט איז דער ראש ישיבה געפארן צו מו"ה יוסף סאקס הי"ו אינדערהיים אויף אויסצופאסטן .

## מ'פארט קיין יבנאל צום ציון פון מוהרא"ש זי"ע

נאך א שעה בערך האט דער ראש ישיבה זיך געזעגענט פון אים און זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג קיין יבנאל.

איינמאל מ'איז אנגעקומען צום ציון, האט דער ראש ישיבה'ס פנים ממש אויפגעלויכטן. דער ראש ישיבה האט געפרעגט ווילאנג ער קען דארט זיין, האט מען געזאגט בערך א האלבע שעה. דער ראש ישיבה האט געזאגט תיקון הכללי און מתפלל געווען דארט.

## מסיבה פון די תומכי המוסדות אין אלעד

פון דארט האט מען זיך אריינגעזעצט אין די קאר, און דארט איז שוין ר' יואל לעווי, דער גבאי פון בני ברק, מיטגעקומען, מ'איז געפארן אויפן וועג קיין אלעד. דער וועג קיין אלעד איז בערך א שעה האלב.

אויפן וועג האט דער ראש ישיבה גערעדט וועגן די סיום הש"ס קומענדיגע יאר, ווען און ווי אזוי איז עס צו מאכן, האט איינער דארט געפרעגט פון דער ראש ישיבה אז אפשר קען מען עס מאכן אין ארץ ישראל?

שפעטער האט דער ראש ישיבה גערעדט פון פסח אז ער קוקט ארויס אויף יום טוב פסח. יום טוב פסח איז מיין "וואקאציע צייט".

## סיום הש"ס אין ארץ ישראל

שפעטער ביי די מסיבה האט דער ראש ישיבה געזאגט, "איינער איז אויפגעקומען מיט א געדאנק, אפשר זאל מען מאכן די סיום הש"ס אין ארץ ישראל, און נאכדעם וועט מען זיין אין שטעטל שבועות, וועט מען מאכן די סיום הש"ס דארטן."

דער ראש ישיבה האט פארציילט א מעשה אז איין יאר זענען עטליכע בחורים פון יבנאל געקומען אין קעמפ און מוהרא"ש האט געקלינגען דער ראש ישיבה אים אנזאגן אז די בחורים וואס קומען יעצט אן אין קעמפ האבן זיך איינגעקויפט פלייש צו מאכן א גריל און אזוי ווי זיי קומען אן זאל דער ראש ישיבה אוועקנעמען די פלייש פון זיי און נישט לאזן מאכן א גריל.

דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר מוהרא"ש אז די בחורים פון ישיבה מאכן אויך גריללס אבער מוהרא"ש האט געזאגט פאר דער ראש ישיבה אז אויב די בחורים ווילן מאכן גריללס ווילן זיי נאך פארברענען די גאנצע וואלד, ער זאל צו נעמען אלע פלייש און נישט זאגן פאר די בחורים אז מוהרא"ש האט אזוי געהייסן טון...

אזוי איז טאקע געווען אזוי ווי זיי זענען אנגעקומען האב איך צוגענומען די פלייש און די חברה זענען געווען ברוגז אויף דער ראש ישיבה....

דער ראש ישיבה האט אויך גערעדט וועגן דעם אז היינט זענען די דרשות פאר די בחורים אין ישיבה אביסל שווערער ווי אמאל. למשל, אמאל ווען דער ראש ישיבה האט געגעבן א דרשה אין ישיבה, און ס'איז אריינגעקומען א פרעמדער מענטש, האט דער ראש ישיבה נאכאמאל אנגעהויבן צו רעדן פון דרך הלימוד. היינט, איז שוין יעדער מודה צום דרך הלימוד דער עולם זאגט שוין משניות. יעצט דארף מען איינבאקן פאר די בחורים אז מ'קען תשובה טון.

נאכדעם איז מען אנגעקומען צו די מסיבה ביי מו"ה נח לעווין הי"ו אינדערהיים. די מסיבה איז געווען פאר אלע תומכים וואס געבן יעדן חודש פאר די מוסדות ארץ ישרא העכער א געוויסע סכום, ס'איז געווען זייער אינטערעסאנטע שאלות און שמועסן, איינע פון די זאכן וואס איינער האט געפרעגט דארט איז געווען וואס ער זאל טון, אז ער האט אן אינטערסעקשאן וואו ער גייט הפצה יעדן טאג, און למעשה איז א צווייטער אנגעקומען דארט, און ער גייט אויך אין די זעלבע אינטערסעקשאן הפצה, ער ווייסט נישט וואס צו טון, ס'איז זיין פלאץ וואו ער גייט הפצה, וואס קען מען טון?

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ווען מ'גייט הפצה דארף די פאוקעס זיין צוריקצוברענגען אידן צום אייבערשטן. די געלט קומט שוין נאך... ס'וועט שוין קומען.

איינער האט געפרעגט וויפיל געלט קען ער נעמען פון הפצה. האט דער ראש ישיבה געזאגט, אז סתם אזוי איז נישט גוט זיך

אויסצושטעלן די לעבן צו לעבן פון צדקה. אויב דאס איז דיין דזשאב, קענסטו מאכן א ווערדזש, אדער מאכסטו האלב אויף האלב, דו דארפסט אפמאכן וויפיל דו ווילסט באקומען באצאלט א שעה. לאמיר זאגן, דו ווילסט באקומען באצאלט א שעה הונדערט שקל.

דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר איינעם, "וויפיל ווילסטו מאכן א שעה?" האט ער געזאגט, "טויזנט שקל." האט דער ראש ישיבה געזאגט: ס'איז נישט קיין פראבלעם. דו דארפסט זיין זייער ערליך מיט דעם. ס'קען זיין אז ס'גייט זיין צייטן וואס די צדקה גייט דיר זיין שולדיג געלט. אבער לאמיר זאגן, מארגן קומט איינער צו, ער ברענט ממש פון די דרשות, און ער גיבט דיר צען טויזנט שקל, קענסטו נישט נעמען יעצט פינף טויזנט פאר דיר, דו דארפסט נעמען טויזנט שקל. דאס הייסט, דו דארפסט אפמאכן וואס דו ווילסט, און דאס וואס דו האסט אפגעמאכט, דארפסטו זיין ערליך".

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ס'איז געווען א בחור וואס דער מגיד שיעור האט זיך נישט געקענט אן עצה געבן מיט אים דער מגיד שיעור האט גערופן יעדן טאג, "וואס טו איך מיט דעם בחור? וואס טו איך מיט דעם בחור? למעשה, יעצט הער איך אז ער איז געגאנגען ארבעטן אויף א פלאץ וואס מענטשן רעדן דארט נישט איידל, און ער האט זיי דערמאנט, "דא קען מען נישט אזוי רעדן, דא דארף מען רעדן איידל! מ'קען נישט רעדן שמוציג דא". דער ראש ישיבה האט זייער הנאה געהאט פון די מעשה.

דער ראש ישיבה האט מיר געזאגט אן אינטערעסאנטע זאך אויפן וועג קיין אלעד, אז אסאך מאל זיץ איך און איך פארברענג, איך ווייס ווען איך דארף ענדיגן צו קענען מארגן אויפשטיין, אסאך מאל קען עס אויסקוקן בשעת מעשה אז דער ראש ישיבה איז אזוי אריינגעדרייט אין א שמועס, און דער ראש ישיבה האט די וועלטס צייט, און גייט דא זיצן א גאנצע נאכט. און אינמיטן גייט דער ראש ישיבה אזוי זאגן א גוטע נאכט און ער גייט אהיים. אבער די אמת איז אז דער ראש ישיבה האט שוין אלעס געפלאנט פון פאראויס, נאר בשעת מעשה קוקט עס אויס ווי דער ראש ישיבה האט די וועלטס צייט.

האב איך געפרעגט דעם ראש ישיבה "דער ראש ישיבה האט געהאט א פלאן אין קאפ ווען צו פארענדיגן די מסיבה"? זאגט דער ראש ישיבה, "יא, איך האב געהאט א פלאן, צען דרייסיג וויל איך ענדיגן. למעשה האב איך אנגעהויבן שמועסן מיט'ן עולם, האב איך געזען אז מ'איז נישט געקומען דא פאר בלויז צוויי שעה. איך דארף דא זיין, דער עולם פארלאנגט דא מער ווי צוויי שעה. גיי איך דא זיצן נאך צוויי שעה."

## מ'פארט קיין ירושלים

נאך אלעד איז מען געפארן קיין ירושלים דער מגיד שיעור מו"ה משה שמואל הי"ו האט אוועקגעגעבן זיין דירה פאר'ן ראש ישיבה, אויפן וועג איז דער ראש ישיבה דורכגעגאנגען מיט'ן מגיד שיעור אלע יונגעלייט וואס פרעגן אים שאלות, און דער ראש ישיבה האט גערעדט מיט אים וועגן מאכן א שיעור פאר התאחדות אברכים, פאר אלע יונגעלייט, ער זאל רופן אלע יונגעלייט. ער איז דורכגעגאנגען די גאנצע ליסטע פון אלע תלמידים, א גאנץ גרויסע ליסטע קע"ה.

איינמאל מ'איז אנגעקומען צו די דירה, האט ר' משה שמואל אריינגענומען דער ראש ישיבה אין די דירה. אויפ'ן וועג האט ר' יצחק שמואל אריינגערופן זאגן אז ס'איז דא נאר איין בעדרום ביי ר' משה שמואל, און די שאלה איז וואו יענקי זאל שלאפן, צו מ'זאל אוועקלייגן א בעט אין די דיינינג רום אדער אפשר טרעפן א צווייטע דירה. האט דער ראש ישיבה געפרעגט "וויפיל בעטן איז דא אין די שלאף שטוב? האט ער געזאגט, "צוויי." האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן: איך גיי שלאפן צוזאמען מיט דיר אין איין בעדרום."

איך האב מורא געהאט אז פון פחד וועל איך נישט קענען איינשלאפן. אבער דער אייבערשטער האט געהאלפן, איך בין געווען אזוי מיד אז איך בין גראד איינגעשלאפן ב"ה.

ווען מ'איז אנגעקומען דארט, האט דער ראש ישיבה זיך אביסל אראפגעזעצט אויפ'ן קאוטש, און דער ראש ישיבה האט געזאגט אז איך זאל רופן מו"ה יואל שניצלער הי"ו פרעגן וויפיל נאך בריוון מ'דארף האבן פאר די וואך, דער ראש ישיבה האט געפלאנט צו זיין אויף א גאנצע נאכט און שרייבן בריוו!

למעשה האט ר' יואל שניצלער נישט אויפגעהויבן דעם טעלעפאן, אזוי האט דער ראש ישיבה זיך געקענט אראפלייגן.

פון איין זייט וואלט געווען זייער שיין אז דער ראש ישיבה שרייבט בריוון, אבער למעשה וואלט דער ראש ישיבה נישט געשלאפן, און איך ווייס נישט וויאזוי דער ראש ישיבה וואלט געקענט אנגיין.

דער ראש ישיבה האט מיר געבעטן איך זאל אויספאקן זיין רענצל, איך זאל ארויסנעמען זיין יאנטשי פידזשאמעס, זיין יאנטשי נאכטקליידער.... דער ראש ישיבה האט געבעטן א סידור וואס שטייט דארט תיקון חצות, מיט די גאנצע קריאת שמע שעל המיטה פון מוהרא"ש, און זיך אראפגעזעצט ליינען קריאת שמע, ער האט זיך אנגעגרייט נעגל וואסער, און ער איז אריין אין בעט שלאפן.

איך האב זיך אויפגעוועקט א שעה פאר'ן ראש ישיבה, אבער איך האב נישט געוואלט ארויסגיין פון בעט ווייל איך האב מורא געהאט אז דער ראש ישיבה וועט זיך אויפוועקן. בין איך געבליבן אין בעט און איך בין צוריק איינגעשלאפן, שפעטער האט דער ראש ישיבה זיך אויפגעוועקט. איך האב געווארט ער זאל ארויסגיין פון בעט, און דער ראש ישיבה זאגט מיר, "דו ביסט אויפגעשטאנען אזוי פרי? גיי צוריק שלאפן... "

ר' משה שמואל איז געקומען מקבל פנים זיין דער ראש ישיבה, ער איז ארויפגעקומען אין די דירה און זיך אריינגעזעצט אין קאך און געשמועסט מיט דער ראש ישיבה וועגן די מוסד, די ישיבה, בית פיגא. נאך א שטיק צייט האט דער ראש ישיבה



**אין תלמוד תורה היכל הקודש בני ברק - ג' ויחי**

קרעדיט: איציק מענדלאוויטש



**דער מנהל הרב יצחק פאפענהיים שליט"א בײם צינדן א ליכט בײם ציון פון רבי מאיר בעל הנס אין טבריה - ג' ויחי**
קרעדיט: יענקי פיש



**אויפן וועג ארויס פונעם באזוך אין בית פיגא אין בני ברק - ג' ויחי**
קרעדיט: יענקי פיש



**אויפן וועג קיין טבריה - ג' ויחי**
קרעדיט: יענקי פיש



**בײם צינדן א ליכט בײם ציון פון רבי מאיר בעל הנס אין טבריה - ג' ויחי**
קרעדיט: יענקי פיש







**בײם מתפלל זיין פאר די תומכי המוסדות בארה"ק בײם ציון פון רבי מאיר בעל הנס אין טבריה - ג' ויחי**
קרעדיט: שמעון עוזר פערל

געזאגט "איך האב נישט קיין כח צו גיין אין ערגעץ, איך בלייב דא לערנען."

## די ערשטע טאג אין ירושלים

שפעטער איז דער ראש ישיבה ארויס פון די דירה, און איז געגאנגען אין מקוה און געגאנגען דאווענען שחרית, ס'איז געווען א זייער שיינע שחרית. נאך שחרית האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט דעם דף און נאכדעם איז געווען שאלות ותשובות.

נאכן דף שיעור איז דער ראש ישיבה געגאנגען צו בית פיגא. נאך בית פיגא האט דער ראש ישיבה געוואלט גיין מיט די בחורים פארברענגען פריוואט מיט א טענדער און פארן אויף מקומות הקדושים. מ'האט ארויסגענומען א טענדער.

## טייערע בחורים

דער ראש ישיבה האט געוואלט פארן מיט די באס פון די בחורים, הערן ווי זיי רעדן און ווי זיי שמועסן און ווי זיי פארברענגען ווי מ'זאגט מער אויף א נישט קיין פארמאלע וועג, מער אויף א נייטראלע וועג. היימיש.

שפעטער האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ער האט זייער הנאה געהאט פון די בחורים, פון זייער מידות, שפראך, ווי זיי רעדן, און ווי שיין זיי פירן זיך אויף.

ווען איך בין אנגעקומען צו די נסיעה איז מען דעמאלט געפארן קיין קבר רחל, און נאכדעם איז דער ראש ישיבה געפארן פון דארט צום הייליגן אור החיים הקדוש. און פון דארט צו די רש"ש,

נאך די רש"ש איז דער ראש ישיבה געגאנגען צו שמעון הצדיק'ס קבר אין ירושלים.

דער ישיבה איז דארט געווען א ווייליע, מתפלל געווען, און פון דארט איז דער ראש ישיבה געפארן צוריק צו די נייע דירה וואס מ'האט אנגעגרייט פאר דער ראש ישיבה א גרעסערע דירה געאייניגט צו קענען אויפנעמען מענטשן דארט.

ווען דער ראש ישיבה איז אנגעקומען דארט אין די דירה, האט די הנהלה געהאט מיט דער ראש ישיבה א מיטינג אנבאלאנגט די מוסדות.

## נישט צאלן ריבית ח"ו

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געשמועסט בערך נאך א האלבע שעה פאר ער איז געגאנגען שלאפן. דער ראש ישיבה האט גערעדט זייער אינטערעסאנטע זאך. איך האבן באקומען דעמאלטס אן ארדער פון אן ארץ ישראלדיגע קאמפאני וואס פארקויפט ציצית. לעצטנס איז די שקל געווארן שטערקער. ס'איז אויסגעקומען אז מ'באקומט אויף א דאלאר וויניגער שקל, אמאל פלעגט מען באקומען מער, און יעצט באקומט מען וויניגער, און די ביסל וואס מ'באקומט וויניגער מאכט אויס א גרויסע חילוק אז למשל ווען די אמעריקאנער מוסדות וואס שיקן געלט קיין ארץ ישראל פלעגט ער שיקן, למשל פאר 1,000 דאלער פלעגט מען קענען באקומען 3,800 שקל, און היינט באקומט מען נאר 3,200 שקל.

דער ראש ישיבה האט גערעדט פון דעם אז איך דארף זייער שטארק אכטונג געבן פאר ריבית, ווייל אויב דו קויפסט אין סחורה פאר שקל און דו גייסט אים באצאלן אין דאלאר, דארפסטו מאכן מיט אים א היתר עיסקא, ווייל אויב דער שקל גייט דעמאלטס זיין ווערד וויניגער און דער דאלער גייט זיין שטערקער, דעמאלטס מיינט עס אז דו האסט גענומען סחורה פון אים יעצט און באצאלסט אים וויניגער. אויב דו באצאלסט אים אין שקל דארפסטו גארנישט מאכן, דעמאלטס ביסטו גוט. אבער אויב דו באצאלסט אים אין דאלער איז א שאלה פון ריבית, און מענטשן כאפן זיך נישט,

מ'האט דורכגעג'חזר'ט די גאנצע ענין פון ריבית. דאס איז געווען די עיקר די שמועס וואס מ'האט גערעדט, און נאכדעם איז דער ראש ישיבה געגאנגען זיך לייגן.

## צווייטע טאג אין ירושלים עיר הקודש

דאנערשטאג אינדערפרי איז ר' משה שמואל געקומען אויפוועקן, דער ראש ישיבה האט געעפנט מיין טיר, איך בין געשלאפן אין אן אנדערע צימער, און דער ראש ישיבה האט זיך גענומען זינגען א ניגון, איך האב זיך ממש דערמאנט אין מיין חלום ווי איך שלאף אין קעמפ, און דער ראש ישיבה קומט אונז אויפוועקן מיט די זיסע קול און די זיסע ניגונים. ס'ליגט מיר ממש אין די ביינער.

דער ראש ישיבה וויל זייער שטארק שרייבן פאר יעדן תלמיד א בריוו, און דער ראש ישיבה בעט זייער שטארק אז די מלמדים און די טיטשערס זאלן האלטן קאפ אויף דעם צו מאכן זיכער אז אלע תלמידים זאלן באקומען בריוו פון דער ראש ישיבה.

פון דארט איז דער ראש ישיבה געגאנגען אין מקוה און געדאווענט שחרית. נאך שחרית איז געווען די דף שיעור, און מ'האט דארט נאכאמאל געשמועסט שאלות ותשובות.

פון דארט איז דער ראש ישיבה געגאנגען אין חדר, דער ראש ישיבה האט גערעדט מיט די קינדער. נאכדעם איז דער ראש ישיבה געגאנגען צו די דירה און געגעבן א שיעור פאר די התאחדות אברכים. נאכדעם איז געווען אן הנהלה מיטינג און נאכדעם איז געווען א שיעור פאר בית פיגא סטעף, און נאכדעם איז געווען א שיעור פאר מלמדים. ס'איז געווען אסאך שאלות ותשובות ביי די שיעורים און דער ראש ישיבה האט אלעס שיין פארענטפערט און מחזק געווען די מלמדים און טיטשערס.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה זיך אראפגעזעצט עסן פרישטאג.



**אין א שמועס מיט הרב אליעזר איידלשטיין שליט"א ביים ציון פון רבי מאיר בעל הנס - ג' ויחי**

קרעדיט: יענקי פיש



**אויפן וועג אריין צום מערה אין מירון - ג' ויחי**

קרעדיט: יענקי פיש





**ביים ציון הרשב"י אין מירון - ג' ויחי**

קרעדיט: יענקי פיש





**ביים מתפלל זיין ביים ציון פון זיין זיידע גאב"ד קארלסבורג זי"ע און די רביצין ע"ה אין מירון - ג' ויחי**

קרעדיט: יענקי פיש

שפעטער האט מען זיך צוזאמגעפאקט און מ'איז געפארן אין בית המדרש צום ליל שישי שיעור. ס'איז געווען א הערליכע ליל שישי שיעור, פון דארט איז דער ראש ישיבה געפארן צו א בר מצוה פון משפחת בורנשטיין, וואס ביי זיי האט זיך אנגעהויבן די שיעורים אין ירושלים.

פון דארטן איז דער ראש ישיבה געפארן צום עירפארט. עס איז געווען זייער שווערע רעגנס אויפן וועג. דער ראש ישיבה האט געזאגט אז די רעגנס אין ארץ ישראל איז אסאך שטערקער ווי אין אמעריקע. איינמאל מ'איז אנגעקומען אין עירפארט, האט מען זיך אריינגעזעצט אין די לאונדזש און מ'האט געווארט דארט ביז מ'האט אונז גערופן צום פליגער.

## יענקי איז א פיינע גבאי

פון דארט זענען מיר ארויף אויפן פליגער. אין א מזל'דיגע שעה האט מען געלאנדעט, דער ראש ישיבה האט זיך זייער געפריידט אז ער איז צוריק אנגעקומען אהיים. אין די עירפארט האט אים אפגעווארט מיין ברודער מו"ה שמעון פיש הי"ו. דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדריקט צו שמעון אז יעקב איז א זייער זייער א פיינע גבאי, ער איז זייער געטריי!

שכח אייבערשטער אז איך האב זוכה געווען צו קענען באגלייטן דער ראש ישיבה אויף דעם געהויבענעם נסיעה. דאס וואס איך האב איבערגעגעבן דא איז נאר ממש אויפן שפיץ גאפל פארשטייט זיך, פשוט אז די חשובע טייערע ליינער זאלן קענען אביסל מיטהאלטן פון דעם געהויבענעם נסיעה.

**א גרויסן שכח פארן איבערגעבן די נסיעה פון אנהייב ביזן סוף, יעדע ווארט, יעדע שיחה איז ווערד צו איבערגעבן, מיט יעדע שיחה קען מען האבן א חיים טובים. זיכער וועלן די ליינער ארויסנעמען פון דעם שמועס שיינע הדרכות און עצות אויפן לעבן. דער אייבערשטער זאלן דיר באצאלן מיט אלעם גוטס, זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע געשעפטן, און זען נחת פון אלע קינדער געזונטערהייט.**



כתיבת ספר תורה לזכות רבינו נחמן בן פיגא

על ידי אנשי שלומינו

תלמודי היכל הקודש

# געציילטע זכותים פארבליבן

## זכות ספר $5000

2 פארבליבן

שמות | במדבר

## זכות פרשה מיוחדת $3600

6 פארבליבן

וירא (עקידה) | תולדות (ברכת יצחק) | יתרו (עשרת הדברות)

כי תשא (פרשת הקטורת) | ואתחנן (עשרת הדברות) | עקב (פרשת היראה)

## זכות פרשה $1800

5 פארבליבן

מקץ | ויקהל | בלק

ראה | שופטים

זכות יריעה $1000

זכות עמוד $500

פארזיכערט היינט אייער זכות אינעם רבינ'ס ספר תורה

רופט מו"ה מרדכי ראזענבערגער הי"ו

845.295.1500

*sruliHeskel





**מאנסי**

קרעדיט: הערשי זאבעל



**לעיקוואד**



**שטעטל**

קרעדיט: אברהם הערש וועבערמאן



**בארא פארק**

קרעדיט: שלמה האממער



**וויליאמסבורג**

קרעדיט: מאטי ראזענפעלד

## יארצייט סעודה פון רבי נתן זיע"א אין בית המדרש היכל הקודש



**אויפן וועג צום ציון פון רבי יוחנן הסנדלר אין מירון - ג' ויחי**

קרעדיט: יענקי פיש



**ביים ציון פון רבי יוחנן הסנדלר אין מירון - ג' ויחי**

קרעדיט: יענקי פיש





**ביים מתפלל זיין ביים ציון פון מוהראש אין יבנאל - ג' ויחי**

קרעדיט: יענקי פיש



**ביים אויספאסטן אין שטוב פון מו"ה יוסף סאקס הי"ו אין טבריה - ג' ויחי**

קרעדיט: יענקי פיש



**מנחה עשרה בטבת אין שטעטל - ג' ויחי**

קרעדיט: שימי פארטיגאל





**דער מגיד שיעור מו"ה ישראל יוסף שניצלער הי"ו ביים פארברענגען מיט די בחורים עשרה בטבת אין שטעטל - ג' ויחי**

קרעדיט: אייזיק ראטה

**סיום השס פון הרב משה גראס שליט"א ביים מסיבה אין אלעד - ג' ויחי**

קרעדיט: איציק מענדלאוויטש





**אנשי שלומינו לערנען שיעורים כסדרן פאר שחרית אין ביהמ"ד היכל הקודש ירושלים - ד' ויחי**

קרעדיט: שמעון עוזר פערל





**שחרית אין ביהמ"ד היכל הקודש ירושלים - ד' ויחי**

קרעדיט: שמעון עוזר פערל, יענקי פיש



**ביים פארלערנען די בלאט גמרא נאך שחרית אין ביהמ"ד היכל הקודש ירושלים - ד' ויחי**

קרעדיט: יענקי פיש



**ביים דאווענען מעריב ביי קבר שמעון הצדיק אין ירושלים - ד' ויחי**

קרעדיט: שמעון עוזר פערל





**ביים קבר שמעון הצדיק אין ירושלים מיט די בחורים פון ישיבה - ד' ויחי**

קרעדיט: יענקי פיש





**ביים ציון פונעם אור החיים הקודש און דער רש"ש אויפן הר הזיתים מיט די בחורים פון ישיבת היכל הקודש ירושלים - ד' ויחי**

קרעדיט: יענקי פיש





**באזוך אינעם קאך פונעם מוסדות אין ירושלים - ד׳ ויחי**

קרעדיט: יענקי פיש






**ביים ארויפלייגן דעם נאמען פונעם קאנטראקטער און נדבן פונעם היכל ראזענבערג בנין אין שטעטל - ד׳ ויחי**

קרעדיט: אברהם הערש וועבערמאן





**מיט די בחורים פון ישיבת היכל הקודש ירושלים ביי קבר רחל - ד׳ ויחי**

קרעדיט: משה ראטמאן





**ביים ארום פארן מיט די בחורים פון ישיבה אויף מקומות הקדושים אין ירושלים - ד' ויחי**

קרעדיט: משה ראטמאן

**ביים פארלערנען די דף גמרא אין ביהמ"ד היכל הקודש ירושלים - ה' ויחי**

קרעדיט: יענקי פיש





**שחרית אין ביהמ"ד היכל הקודש ירושלים - ה' ויחי**

קרעדיט: שמעון עוזר פערל, יענקי פיש





**מעריב נאכן אסיפה מיט די מלמדים פון אלע תלמודי תורה היכל הקודש בארה"ק - ה' ויחי**

קרעדיט: יענקי פיש





**אפשערן פון הילד בן מו"ה אברהם ראטמאן הי"ו אין ירושלים - ה' ויחי**

קרעדיט: שמעון עוזר פערל




**ביים אריין שרייבן פאר א מתנה פארן בחור הבר מצוה - ה' ויחי**

קרעדיט: איציק מענדלאוויטש



**מיט די אינגעלייט נאכן שיעור התאחדות אברכים אין ירושלים - ה' ויחי**

קרעדיט: יענקי פיש





**ביים בר מצוה פון הבחור מיכאל נ"י בן מו"ה נתן יוסף בורשטיין הי"ו אין ירושלים עיה"ק - ה' ויחי**

קרעדיט: איציק מענדלאוויטש



**באזוך אינעם תלמוד תורה אין ירושלים - ה׳ ויחי**

קרעדיט: יענקי פיש



**אנשי שלומינו ווארטענדיג פארן אנקום פונעם ראש ישיבה שליט״א צום ליל שישי שיעור - ה׳ ויחי**

קרעדיט: איציק מענדלאוויטש





**דאנערשטאג נאכט שיעור אין ביהמ״ד היכל הקודש ירושלים - ה׳ ויחי**

קרעדיט: איציק מענדלאוויטש, יענקי פיש



**אנשי שלומינו ביים זיך געזעגענען פונעם ראש ישיבה שליט״א - ה׳ ויחי**

קרעדיט: איציק מענדלאוויטש



**די בחורים פון ישיבת היכל הקודש ירושלים ביים עסן פרישטאג - ה׳ ויחי**

קרעדיט: יענקי פיש



**ביים אריבערגיין סעקיוריטי אויפן וועג צוריק פונעם נסיעה אין ארץ ישראל - ה' ויחי**

קרעדיט: שמעון עוזר פערל



**דער שמש אין שטעטל רייניגט די טשילאר לכבוד שבת - עש"ק ויחי**

קרעדיט: אייזיק ראטה



**גרויסארטיגע חלוקה בייס בית התבשיל אין שטעטל - עש"ק ויחי**

קרעדיט: אייזיק ראטה



**אבות ובנים אין ביהמ"ד היכל הקודש בני ברק - מוצש"ק ויחי**

קרעדיט: איציק מענדלאוויטש





**אבות ובנים אין ביהמ"ד היכל הקודש מאנסי - מוצש"ק ויחי**

קרעדיט: הערשי זאבעל











**נסיעה צו מקומות הקדושים אין טבריה מיט די בחורים פון ישיבת היכל הקודש טבריה וואס זענען געגאנגען נאך געלט פאר די ישיבה - ב' שמות**

קרעדיט: שמעון עוזר פערל





**חדר פירן פון הילד בן מו"ה אברהם ראטמאן הי"ו אין תלמוד תורה אין ירושלים - א' שמות**

קרעדיט: שמעון עוזר פערל

בס"ד
פרשת שמות
אויסגאבע # 4

# אינדערהיים



**א שפיל מיט מענטשיס**
ש. טראכטער

**א חתונה אין ישיבה**
ש. ל. פליישמאן

**געטראפן מיין טאכטער**
הער א מעשה

## טאטי קום צוריק אהיים

ג. פעקעטע



9




10

**בס"ד**
פרשת שמות
תשפ"ו
**נומער 4**

**ראדאקציע:**
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. פ. וועבערמאן
ש. ל. פליישמאן
ח. שטיינבערג
ל. וועבערמאן
ל. סאקס
מ. פאפנהיים
פ. גליק

**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**bletelmagazine@gmail.com**

קול ברסלב:
**212.444.9191**
אידישע שטוב:
**212.444.9169**

## און עד אין בלעטל ברענגט רעזולטאטן

845-379-1161
bletelmagazine@gmail.com

## קלאסיפייד

## א דירה צו פארדינען

א הערליכע צוויי בעדרום דירה צו פארדינגען אין ירושלים געגענט פאר שבתים און דאס גלייכן, רופט אריין.

347-831-4727

## *Babysiting*

More babies are now welcome to our babysitting for steady and drop ins. as well for overnight and long term.

Reach out to Bobby weberman's baby sitting for a great experience.

Call **347.574.7723**

## השבת אבידה

א לערנער שטריימעל איז אנגעקומען צום השבת אבידה שטיבל אין די צייט פון פארגאנגענעם שבועות אדער שמחת תורה.
אויב איז דאס אייער שטריימל, אדער איר ווייסט צו וועמען דאס באלאנגט, ביטע רופט אריין.

845-376-0380

## *KB Realty*

אכטונג לענדלארדס! זוכט איר נישט אידישע טענענטס פאר אייער אינוועסטמענט פראפערטי?

האט איר אפארטמענטס וואס שטייען ליידיג?

מיטן אייבערשטנ׳ס הילף וועלן מיר אייך ברענגען די בעסטע טענענטס.

**רופט שלום שניצלער 347-731-3144**

מיר סערווידן גאנץ ניו יארק און ניו דזשערסי




dominogrp.com

**loop PLUMBING**

Masters of drip

917.202.1206

## גדלות המוחין נייז טו פייוו.

א נייע פליגל גענצליך פריוואט - געאייגנט פאר ריטעיל געשעפטן אדער אפיסעס - איז נארוואס געווארן אוועילעבל אין סי פי פי, אלע באקוועמליכקייטן אונטער איין דעכל.

PRIVATE ENTRANCE AND PRIVATE BATHROOM

**646.938.2503**

איינגענעמע אפיסעס \\ אין הארץ פון שטעטל \\ לייכטע איבערבייס פיר און צוואנציג שטונדן \\ פרייזן וואס בייסן נישט \\ פארקינג ביזן דאך

CPP
CATSKILL PROFESSIONAL PLAZA

dominogrp.com

# אויפן וועג אהיים

צוזאמענגעבראכט פון רבנים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך געדענק.

## א חתונה אין ישיבה

א חתונה אין ישיבה,
ווי אין דער אלטער היים...
די Setting, די סביבה,
פשוט פול מיט חן...

א מלך, דער מחותן,
נישט געדארפט בארגן.
טאנצט ער אינמיטן,
פרייליך אן זארגן.

זיין פנים, א סימן,
ער האט נישט קיין חובות.
נישט געדארפט צוקומען,
צו מענטשן'ס טובות...

נישט ארומגעלאפן,
אויף קרעדיט בארגן.
נישט געטון האפן,
פלייש און בלוט געפעלן...

א שמחה אזוי שיין,
נישט געפאפט נאר Real!
פארן אייבערשטן אליין,
געפעלן איז דער ציל!

דער אייבערשטער האט געהייסן,
מאך חתונה דיין קינד.
פארוואס זיך אויפרייסן?
באצאלן מיט געזונט... רח"ל.

זיין הארץ טוט נישט בלוטן,
מיטן "כסף מנלן" פראגע,
א פרייליכע מחותן,
ער טאנצט אן א דאגה.

וואס וועט מען זאגן,
ער טוט זיך נישט שעמען.
שוויצן און זיך פלאגן,
געפעלן פאר וועמען?!?

די לופט אין די זאל,
אן קיין סטרעס עס איז...
אזוי נישט פארמאל,
נישטא קיין Rules "מ'מוז"...

די חתן כלה גראדע,
זיי גארנישט פעלט...
איבערגליקליך ווודאי,
געשפארט דעם טאטן געלט...

היכל הקודש חינוך,
ליגט זיי אין די ביינער,
That's me! דאס בין איך!
דארפסט נישט געפעלן קיינער...

"מיטן אייבערשטן" זיי שטעלן אויס,
זייער לעבן, זייער גאנג.
צווישן מענטשן און אין הויז,
דעם באשעפער אין געדאנק.

**צו הערן די גאנצע שיעור פונעם ראש ישיבה רופט 212-444-9191 - 212-444-9169**

ש. ל. פליישמאן

געסט פיל אין צאל,
קוקן זיך ארום.
טייל זענען נתפעל,
אנדערע קוקן קרום...

מיט Curiosity,
אזוי נישט מיר נישט דיר...
נייג איך מיין אויער צו,
א שמועס גלייך נעבן מיר...

Disposable Dishes,
אזעלכע בושות!
Listen what I'm telling,
ס'איז א Mock-wedding,
Inviting נישט Lighting,
פלייש מיט רייז צושפייז?!
קוקסט נישט אן Wrong,
א כלה, פאלשע צירונג?
איינמאל אין לעבן...
מ'מעג זיך אויסגעבן!

הלוואי מ'קען נאך קרייזן,
פון Peer Pressure אויסלייזן...
ביליג חתונה מאכן,
פון "יענעם" זיך אויסלאכן...
עס קאסט א הון תועפת,
פון בעטלען מ'פארשאפט עס...
וויפיל עסן זיך דאס געזונט,
צוצושטעלן פאר זייער קינד...?!
ליידער הארץ אטאקעס קאסט,
ווייל "מ'מוז" ס'איז א Must!

דאס איז נאר בשעת...
וואס איז ויהי ממחרת?
איינער דען געדענקט,
וואס דו האסט זיך אנגעשטרענגט?
געבארגט און אויסגעברענגט,
אבער... דער מחותן בלייבט געענגט...
אויפן Fridge א בליק ער שענקט,
זיינע בילס דארטן הענגט...
ווען מען טאנצט נאך יענעם,
איז דאס לעבן א גיהנם...

צוריק אריין אין זאל...
זיי זענען נישט געווען Dumb,
נאר קלוגע מחותנים.
נישט געגאנגען נאכן שטראם,
א פריי פריי-ליכע פנים!

זיי זענען נישט קנעכט,
צו זיין ווי יעדן איינ'ג,
נאר לעבן אזוי עכט,
פרייליך אינעווייניג!

התבודדות שמועסן,
דאס איז די Secret Trick,
צו א לעבן, א זיסן,
אן Pressure, און אן דרוק...

"באשעפער, דיר מיטטייל איך,
מיין טאג, מיין יעדע ריר,
העלף מיך זיין עכט פרייליך,
לעבן נאר פאר דיר!!!"

# הער א מעשה

רופט אריין מיט אייער מעשה צו 845-662-4083 אדער שיקט צו Breslevbletel@gmail.com

## א. מזרח
קרית ברסלב

"באשעפער העלף איך זאל טרעפן מיין מאן'ס פיינע ווארעמע שבת'דיגע שאל", אזוי האב איך געבעטן יעדן מאל וואס איך האב זיך דערמאנט פון די שאל. מ'האט שוין אפאר מאל געזוכט אין שול, אבער נישט געטראפן.

ביז איין טאג האב איך זיך צאמגענומען צו גיין צו די השבת אבידה שטיבל ביי די חשוב'ע משפחת טייטלבוים. איך קום אריין און זע אלע שאלן אזוי שיין אויפגעהאנגען, און גלייך די ערשטע ליגט מיין מאן'ס שאל. שכח אייבערשטער! איך קוק זיך ווייטער ארום וואס נאך ס'ליגט דארט, און ס'איז מיר געווען א גוטע סורפרייז צו טרעפן דארט מיין יונגל'ס פלעש לייט וואס ער נוצט צופרי צו גיין צום כולל בוקר, ווען אינדרויסן איז נאך טונקל. עס איז א וויכטיגע זאך אבער ס'איז מיר נישט בייגעפאלן דא צו זוכן. אויך האב איך געטראפן נאך איין וויכטיגע זאך.

מי כעמך ישראל! אידישע קינדער געבן זיך אפ מיט די מצוה פון השבת אבידה.

מען האט זיך צאמגענומען צו א יארצייט סעודה פון רבי נתן ז"ל אין בני ברק, עס איז געווען א הערליכער מעמד. ווען מען האט געענדיגט זע איך זיך אז מיין מיידל איז נישטא, מען זוכט איר ביי די פרויען, ביי אלע ווינקלען, מען זוכט אינדרויסן, און מען קען איר נישט טרעפן.

איך בין ארויס אין גאס זוכן אבער איר נישט געטראפן. איך האב אנגעפאנגען בעטן דעם אייבערשטן, וואס טו איך דא, עס איז שפעט ביינאכט, א פרעמדע שטאט, באשעפער העלף מען זאל איר שנעל טרעפן, איך האב צוגעזאגט א מעשה פון תפילה פארן בלעטל אויב מען טרעפט איר ביז אפאר מינוט, אלע קינדער האבן געבעטן דעם אייבערשטן מען זאל איר טרעפן וואס שנעלער.

נעבן דעם איז געווען א חתונה זאל האב איך אריינגעשיקט מיין טאכטער זאל איר זוכן אפשר איז זי דארט, עס גייט נישט אריבער א מינוט און די פארלוירענע מיידל קומט צו לויפן צו מיר, איך פרעג איר וואו ביסטו געווען, זאגט זי איך האב געוואלט זען ווי מען טאנצט ביי די חתונה.

שכח אייבערשטער נאך 10 מינוט פון שרעק האט מען איר געטראפן געזונט און שטארק.

## ח. פ
ירושלים

שכח אייבערשטער נאך אסאך תפילות פון אנשי שלומינו איז דער ראש ישיבה שליט"א געקומען קיין ארץ ישראל.

## מ. סרולאוויטש
קרית ברסלב

1. שכח אייבערשטער אז איך קען אסאך מאל ארויסגיין העלפן ביי די באזאר. איין טאג ווען איך האב געהאט אפגעשמועסט צו גיין העלפן האט פאסירט אביסל א צופארעניש אין די סדר היום, צופרי ווען מ'איז אויפגעשטאנען הער איך א מעסעדדש פון די מוסדות אז ס'איז נישטא קיין טראנספארטאציע, ווייל די ראוד'ס

זענען צו שנייאיג און גליטשיג, דאס מיינט אויך אז ס'איז נישטא קיין שאטל צו גיין צו די באזאר.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל יא קענען גיין העלפן אזוי ווי געפלאנט, איך האב נישט ליב צו דארפן קענסלען פון עפעס וואס איך האב שוין אפגעשמועסט.

די תפילה איז געווען אזוי אינמיטן זיין פארנומען מיטן מאכן גרייט די קינדער און דארפן פארשאפן א וועג פאר זיי. אויך האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל זיך קענען מסדר זיין ס'זאל ווערן א געהעריגע טאג, נאכן האבן א שפעטע און צומישטע צופרי.

שכח אייבערשטער איך האב זיך געקענט צוריק מסדר זיין נאכדעם וואס איך האב געטראפן א וועג און אפגעשיקט די קינדער. "אבער באשעפער יעצט א וועג צום באזאר". ב"ה ס'איז דא א שטעטל קאר סערוויס אבער איך האב נישט געהאט קיין געלט, רופט מיר א פרוי וואס האט געווארט איך זאל קומען העלפן מיט איר, און זי זאגט מיר אז זי קען מיר באצאלן א קאר. שכח אייבערשטער מ'האט געקענט אסאך אויפטון און ס'איז געווען א הצלחה'דיגע טאג.

2. איך האב געהאט אפאר ציינער וואס האבן וויכטיג געדארפט ווערן קעיר גענומען. ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט גערעדט וועגן דעם אז מ'טאר נישט נאכלאזן די ציין, האב איך אפגעמאכט אז איך מוז באקומען אפוינטמענטס זאל זיין וואס זאל זיין.

פארשטייט זיך אז ווען איך רוף צו באשטעלן אן אפוינטמענט זאגן זיי מיר: "יא, זיכער אין אפאר חדשים ארום". אבער תפילה איז שטערקער, איך בעט דעם אייבערשטן אז איך האב אסאך ארבעט וואס דארף ווערן געטון און איך קען נישטווארטן אזוי לאנג. אפאר טעג שפעטער רופן זיי מיר אז קומענדיגע וואך קען איך קומען - איינער האט געקענסלט. שכח אייבערשטער! איין מאל איך בין שוין געקומען איז שוין געווען גרינגער צו באקומען ווייטערדיגע אפוינטמענטס.

3. איינס פון מיינע אפוינטמענטס האב איך זיך נישט געקענט מסדר זיין צו טרעפן א בעיביסיטער פאר מיין מיידל. האב איך איר געדארפט מיטנעמען, די קאר קומט אן אבער דער דרייווער לאזט מיר נישט אריין ווייל איך האב נישט א קאר סיט פאר מיין מיידל וואס איז שוין גרויס. איך האב שנעל אנגעהויבן מאכן תפילות וויפיל איך קען נאר, איך קען זיך נישט ערלויבן צו בלייבן יעצט אן א וועג, די גוי'שע דרייווער'ס האבן א ספעציעלע תאווה צו לאזן מענטשן הענגען, אבער דא האט פאסירט א מעשה חוץ לדרך הטבע, דער דרייווער האט פרובירט צו רופן זיין בעל הבית, ביז ער האט מסכים געווען איך זאל אריינקומען אין קאר, מ'וועט פארן אזוי אן די קאר סיט. שכח אייבערשטער.

4. אויפן וועג האב איך אסאך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל וויסן וואס צו טון מיט מיין בעיבי דערווייל וואס מ'ארבעט אויף מיינע ציינער. למעשה האט מיין מאן 'פונקט' יענעם טאג געארבעט נאר א האלבע טאג, און ער איז געקומען גלייך נאכן ארבעטן 'פונקט' ווען מ'האט מיר גערופן אריינצוגיין צום דאקטער. מיין מאן האט געקענט אכטונג געבן אויף מיין בעיבי און נאכדעם מיר געקענט געבן א רואיגע וועג אהיים.

דער אייבערשטער העלפט אלעמאל.

## ש.ח. שטעסל

ירושלים

א חבר'טע פון אנשי שלומינו רופט מיר פרעגן אויב איך קען איר העלפן, זי האט א שוועסטער וואס ווארט שוין אויף קינדער אפאר יאר. עס שטייט דאך ווער ס'איז מתפלל פאר א חבר ווערט ערשט געהאלפן. וואס האב איך צו דערלייגן? איך רעד סיוּוי צום אייבערשטן און איך בעט סיוּוי פאר אידישע קינדער. וואס שטערט מיר אינזין צו האבן די נאמען?

איך האב גענומען די נעמען, עס אראפגעשריבן אויף א קליין צעטעלע וואס איך האב מיטגענומען אין מיין טאש. ביי יעדע געלעגנהייט האב איך אינזין געהאט די פאפאלק, כמעט יעדן טאג האב איך געבעטן פאר זיי און אסאך מאל אפילו אפאר מאל א טאג.

אויך האב איך מסיים געווען תהילים ביים הייליגן רבי ר' אלימלך אין ליזענסק זי"ע, און איך האב געזאגט די נעמען און געבעטן פאר זיי. עס איז אדורך ווייניגער ווי א יאר, ווען די חבר'טע רופט מיר מיט די זייער פרייליכע מזל טוב אז איז שוועסטער איז א מאמע פון א ליכטיגע קינד.

עס האט מיר געכאפט א טשיל אין די ביינער צו הערן ווי דער אייבערשטער הערט צו אונזערע תפילות.

ש. טראכטער




# א שפיל מיט מענטשיס

מנחם שפילט זיך אזוי געמיטלעך אין שבת שטוב מיט קליינע 'מענטשיס'. ער שטעלט אויס א גאנצע משפחה מיט קינדער ארום א טיש. ער פראוועט א סעודה.

"וואס מאכסטו אזוי שיין דארט?" פרעגט מיין חבר'טע איר קליין אינגל מיט אינטערעסע.

"דאס איז אונזער משפחה. קוק, דא ביסטו. דא איז טאטי. דא שטייט חיים און אסתי. דא איז בלומי און דא בין איך!!"

זי גיט א קוק און גיט אים אביסל אויפמערקזאמקייט און דערנאך גייט זי צוריק אין קאך צו ענדיגן די נאכטמאל.

מנחם שפילט ווייטער. ער איז זייער פארקאכט און פארטון אין זיין שפיל. מיין חבר'טע הערט ארויס ווי מנחם רעדט און שמועסט מיט זיינע געשוויסטער מענטשיס.

פלוצלינג הערט זיך א געוויין. מנחם וויינט.

"וואס גייט פאר?" פרעגט די מאמע מיט זארג.

"איך זע דא טאטי און מאמי, בלומי, חיים און אסתי, אבער וואו בין איך?! וואו איז מנחם?"

מיין חבר'טע דערציילט מיר אז זי בייגט זיך אראפ און זוכט אונטערן טיש. אפשר וועט מען טרעפן די "מנחם" מענטשי. ניין.

אפשר אונטער די סאפע? ניין.

אפשר אונטערן שאפע? ניין.

"אה, דארט פארשטעקט זע איך 'מנחם'," רופט זי ענדליך אויס.

זי שלעפט ארויס די מענטשי און מנחם בארואיגט זיך. ער נעמט "זיך" און שפילט ווייטער זיין שפיל.

די מאמע גייט צוריק אין קאך אבער מיט באנייטע מחשבות. מנחם האט געשפילט א שפיל, ער האט אבער געפרעגט א ברענענדיגע שאלה: "וואו בין איך? באשעפער, ווער בין איך און וואו בין איך?"

ווען דער הייליגער בעל התניא זי"ע איז געווען אין תפיסה, האט אים דער אויספארשער, וועלכער איז געווען א געלערנטער גוי, געפרעגט, "פארוואס שטייט אין פרשת בראשית, אז דער אייבערשטער האט געפרעגט פון אדם, 'איכה?' וואו ביסטו? ווייסט דען נישט דער אייבערשטער אלעס? דער אייבערשטער זעט און ווייסט וואו יעדער איז און וואס יעדער טוט."

האט אים דער הייליגער בעל התניא געענטפערט אז די שאלה איז געווען א שאלה לדורות, א שאלה פון חשבון הנפש, א קשיא וואס יעדער מענטש דארף זיך פרעגן יעדן טאג. "איכה? וואו בין איך?! וואו האלט איך אויף דער וועלט?"

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט ביי די באטע פרייטאג צונאכטס שבת חנוכה אז מענטשן פרעגן א שאלה, וויאזוי ווייסט מען אויב מען איז שוין אן "ערליכער איד?" מיר ווייסן פון רבי'ן אז מְעַט גַּם כֵּן טוֹב, אביסל איז אויך גוט. און דער רבי לערנט אונז אז מיר "מוזן" זיך פרייען מיט יעדן פינטל גוטס וואס מיר זענען זוכה צו טון, א שטייגער ווי מזוזה, תפילין, תפילה, געמאכט א ברכה, געהיטן שבת, געגעסן כשר.

פון דער צווייטער זייט, מוז א מענטש זיך כסדר בארעכענען און מתבודד זיין, "צו טו איך גענוג? וואס נאך קען איך טון היינט מיטצונעמען אויף מארגן (עולם הבא)?"

דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט אז א מענטש "מוז" לעבן מיט ביידע נקודות. מען מוז זיך מחי' זיין מיט יעדעס ביסל וואס מען האט זוכה געווען אריינצוכאפן: שכח אייבערשטער אז איך האב היינט געמאכט א ווארימע נאכטמאל פאר מיין מאן און קינדער! שכח אייבערשטער אז איך האב אביסל אויפגערוימט די שטוב! שכח אייבערשטער אז איך האב היינט געמאכט א מינוט התבודדות! אבער גלייכצייטיג מוז מען לעבן מיט די שאלה, "וואו בין איך אויף דער וועלט?" און בעטן דעם אייבערשטן צו ווערן בעסער און בעסער. "באשעפער העלף מיר איך זאל רעדן שיין צו מיין מאן און קינדער. באשעפער העלף מיר איך זאל נישט זען שלעכטס אין א צווייטן. באשעפער העלף מיר איך זאל יעדן טאג מאכן תפילה איך זאל זוכה זיין צו הייליגע דורות."

דעם פארגאנגענעם זומער איז מיר אויסגעקומען צו רעדן ביי א צאמקום פאר מיידלעך. ווען איך האב געענדיגט רעדן זענען צוגעקומען מערערע מיידלעך און געפרעגט אסאך שאלות און ספיקות אויף אלע נושאים פון לעבן און אידישקייט. (אלע ווערן צוגעצויגן צו די אמת'ע דיבורים פון רבי'ן). איך האב אויסגעהערט די שאלות, נישט וויסנדיג וואס עס קומט נעקסט, און שטילערהייט געמאכט תפילה מיט די ליפן אז דער באשעפער זאל מיר חונן דעת זיין און אריינלייגן די ריכטיגע ווערטער אין מויל

נאכן ענטפערן אלע שאלות, פרעגט מיר א מיידל, "איך קען אייך פרעגן נאך "איין" שאלה?" "וויאזוי זענט איר אזוי "קלאר" אין יעדע נושא? וויאזוי ווייסט איר פונקטליך וואו איר שטייט?"

איר שאלה איז געווען קלוג. א שאלה וואס עלטערע פון איר זענען נישט אלעמאל תופס. ווייל צומאל לעבט א מענטש אזוי שטארק אין עולם התוהו אז ער כאפט ניטאמאל אז ער דרייט זיך ווי א רעדל און מאלט וואסער.

דער ענטפער: אז מען איז זוכה אנצוקומען צום רבי'נס חדר און מען איז זוכה צו אנהייבן א לעבן מיט התבודדות, ווערט מיט דער צייט די מח קלאר. מיט דער צייט "טרעפט מען זיך אליינס". מיט דער צייט זויבערט זיך אויס די הארץ און די נפש און התבודדות ווערט ווי די פייער זייל פון די אידן אין מדבר, וואס איז געגאנגען פאר זיי און זיי באלויכטן. התבודדות באלייכט די אויגן און פירט א מענטש אויפן דרך ישרה.

דער רבי' דערמאנט אונז און ענטפערט אונז אויף די שאלות:

**"ווער בין איך?"** א אידיש קינד, א קינד פון מיין ליבן טאטע וואס ווארט אויף מיר. (און ער ווארט איך זאל עפענען מיין מויל צו אים)

**"וואס בין איך?"** איך בין זייער טייער און באליבט ביים אייבערשטן. (קיין חילוק וויפיל איך פאל אדורך)

**"וואו בין איך?"** איך בין אויפן וועג צום אייביגן ארט, איך בין דא פאר א שטיק צייט און דערוויל פרוביר איך אריינצוכאפן אביסל גוטס.

**"פארוואס בין איך דא? וואס איז מיין ציל אויף דער וועלט?"** אדער ווי דער ראש ישיבה האט לעצטנס געזאגט אין א שיעור פאר פרויען, "מענטשן פרעגן וואס איז די POINT (ציל) פון לעבן?" און דער ראש ישיבה ענטפערט, "די ציל איז צו טון רצון ה'."

"וואו בין איך?" איך בין ביי א רבי, ביי א צדיק מיט זיינע הייליגע תלמידים וואס לאזן מיר נישט פאלן. איך בין זוכה צו טרינקען פון דעם נחל נובע מקור חכמה וואס דערמאנט מיר אז דער אייבערשטער ווארט צו הערן מיין קול און אז איך האב א וועג ארויס פון יעדן פראבלעם. און איך בין זיך מחזק אז איך בין דארט "פונקט ווי דער אייבערשטער וויל איך זאל זיין!"

צומאל איז דאס אין קאך מיט א וויינענדיגן בעיבי אין די הענט, צומאל איז עס ח"ו אין שפיטאל. אמאל איז עס אין גראסערי איינצוקויפן זאכן און אמאל איז עס ביי מיין באבע איר אויפצולעבן. אמאל איז עס אין שטוב אן א רוימערקע, און אמאל איז עס "מישן די לעטשא און זינגען אין עוד מלבדו!" (באצויגן צו א שיעור פון ראש ישיבה שליט"א)

לאמיר געדענקען אז "איד" איז ראשי תיבות "איך, יעצט, דא", א איד געדענקט אז "איך בין יעצט דא, ווייל דער אייבערשטער האט מיר דא געלייגט." מיט די ידיעה ווערט דאס לעבן זיסער און גרינגער.

באַשעפער העלף מיר איך זאָל וויסן און קיינמאָל פאַרגעסן אַז דו ביסט אַלעס און אַלעס איז דו!



# Spare Ribs

BY: H. JAY

## INGREDIENTS:

- 3 LB. SPARE RIBS
- 1 PACK MARROW BONES (OPTIONAL)
- 2 ONIONS, SLICED
- 5 CLOVES GARLIC
- SALT AND BLACK PEPPER
- 1 BOTTLE BEER
- 1/2 CUP DUCK SAUCE
- 2 T ONION SOUP MIX
- 1/3 CUP BROWN SUGAR

## DIRECTIONS:

SAUTÉ THE ONIONS IN OIL FOR 10-12 MINS. MOVE TO THE SIDE OF THE PAN.

SPRINKLE SALT AND PEPPER OVER THE SPARE RIBS AND PAN. SEAR FOR ABOUT A MINUTE ON EACH SIDE.

ADD THE MARROW BONES AND THE REST OF THE INGREDIENTS. THE POT AND COOK FOR 5-6 HOURS ON A LOW FLAME.

OPTIONAL: FOR A THICKER GRAVY REMOVE THE MEAT AND BLEND AND THEN ADD MEAT BACK TO THE POT




# טאטי קום צוריק אהיים

"לאה, דו ביסט שוין געליגן אמאל אין בעט און זיך געווארפן רעכטס און לינקס, טראכטענדיג וואו דו וועסט גיין וואוינען?"

לאה געבט אן אינטערעסאנטע בליק אויף מרים. "וואס הייסט? איך וואוין ביי מיינע עלטערן אין געצעלט."

"יא," זאגט מרים צוריק מיט א געשטיקטע שטימע, "אבער ס'איז דיך קיינמאל נישט אריינגעקומען אין געדאנק דער שרעקעדיגער מחשבה אז וואס וועט געשען אויב מיינע עלטערן צעטיילן זיך, און איך וועל דארפן אפמאכן וואו צו וואוינען? ביי מיין טאטע אדער ביי מיין מאמע?"

אה, לאה'ס אויגן-ברעמען גראדט זיך אויס אביסל "וויאזוי האסטו געקענט וויסן מיינע געדאנקען?"

מרים צולאכט זיך א ביטערע געלעכטער. "היינט איז דאס צושטאנד געקומען אין מיין מצב," שטאמלט זי ארויס.

לאה קוקט איר אן מיט גרויסע אויגן.

"יא, אזוי ווי דו הערסט. איך ווייס אז מיינע עלטערן זענען חשוב און טייער, און ביז אהער האבן מיר געהאט א גליקליך לעבן, אבער היינט האט מיר מיין מאמע געמאלדן אז מיר וועלן שוין נישט זיין א גאנצע משפחה. ס'וועט זיין א טאטי הויז, און ס'וועט זיין א מאמי הויז. איך האב נישט געוואלט ווייטער הערן, איך בין ארויסגעלאפן דיר זוכן ביים וואסער. איך האב געוואוסט איך וועל דיר טרעפן דא."

ס'טוט זיך א גרויסע מצבביים ים אין די יעצטיגע טעג, א שווערע מצב, אבער דאך א מצב. לאה און מרים קרעכצן אפ צוזאמען. לאה פרעגט מרים, "נו, וואס פראבירסטו מיך ארויסצוברענגען יעצט?" מרים האט שוין נישט געקענט איינהאלטן איר שטארקייט, און האט זיך צעוויינט מיט יאמערליכע טרערן. "איך בין אזוי צובראכן, איך קען נישט טראכטן דערפון, כאטש דו זעסט דעם מצב דא ביים ים, ווי די מצרים ווארפן אריין איין אידיש אינגל נאך א צווייטן, נאך פרעה'ס שרעקליכע גזירה, אבער דאך קען איך נישט נעמען מיין אייגענע שווערע פראבלעם. קענסטו זיך פארשטעלן? איך וועל באלד דארפן אהיימגיין און אויסוועלן צו איך וויל וואוינען אין די טאטי הויז אדער אין די מאמי הויז. דאס איז דאך סאך ערגער, וואס וועט זיין מיט מיר? מילא, א קליין קינד, ער האט נאך נישט קיין שכל, זיין לעבן האט זיך נאך נישט אנגעפאנגען, אבער איך און מיין ברודער אהרן, וואס וועט זיין מיט אונז? מיר גייען דאך אויכעט דערטרונקען ווערן פון די צעמישעניש און די טראומא וואס קומט מיט פון לעבן מיט צעטיילטע עלטערן."

לאה האט געלייגט איר האנט אויף מרים און איר פרובירט אביסל בארואיגן, "מרים, דו וועסט זען, דער אייבערשטער וועט דיך נישט פארלאזן, ס'וועט גרינגער ווערן, ס'וועט בעסער ווערן, ווייל ווען ס'איז אזוי טונקל מוז דאך קומען ליכטיגקייט נאכדעם, נישט אזוי?"

"טאטע," פרובירט מרים כאפן איר טאטע'ס אויפמערקזאמקייט. די טאטע אבער איז געווען פארנומען מסדר זיין די בעט אין די נייע געצעלט, און פרובירט מאכן א לופט ווי כאילו דאס וואלט ווען געווען נארמאל אדער א גוטע זאך.

"טאטע," פרובירט מרים נאכאמאל. די טאטע האט געהערט אין מרים'ס שטימע עפעס א שטארקייט, און קוקט ארויף, טרעפנדיג צוויי פארוואסערטע אויגן. "יא, מיין טייערע מרים, וואס ווילסטו מיר זאגן?" מרים האט געעפנט איר מויל - איר פה - וואס זי איז באקאנט געווען אלס פיה, ווייל זי פלעגט אזוי שיין רעדן מיט איר מויל און עס נוצן צום גוטן - צו בארואיגן פרויען, צו מוטיגן פרויען, צו ארויסהעלפן פרויען אין זייער שווערע צייטן. "טאטע," הייבט מרים אן מיט איר זיסע בארואיגונג שטימע.

עמרם האט זיך געמאכט א טיי, אויפגעקאכט ביים פייער, און זיך אוועקגעזעצט אויף דער ערד, און גערופן מרים זיצן נעבן איר. זי האט געזען אז מרים האט איר דא עפעס זייער וויכטיג צו זאגן וואס דרוקט איר אויפן הארצן. מרים האט אנגעהויבן ערקלערן פאר איר טאטע מיט איר פליסיגע צונג און מיט גרויס דרך ארץ, אז די יעצטיגע שריט וואס ער טוט, פון זיך צוטיילן פון זיין טייערע ווייב, איז פיל ערגער ווי די גזירה וואס פרעה האט גוזר געווען אויף די אידן. "פארשטייסט טאטע, פרעה הרג'עט נאר די יונגלעך, אבער אז דו און מאמי טיילן זיך אפ, בלייבט



איבער אז ענק וועלן נישט ברענגען מער קיין דורות, קומט אויס אז דו געבסט אפילו נישט די געלעגנהייט פאר נאך מיידלעך צו געבוירן ווערן, האסטו דאך גוזר געווען אז ס'זאלן זיך נישט מערן ביי די אידן – נישט יונגלעך און נישט מיידלעך".

שטילערהייט טראכט זי צו זיך, און פארשטייט זיך, אז די קינדער וואס דו האסט שוין יא, מיך מרים, און מיין ברודער אהרן, וועלן דאך אויך שטארבן – נישט איינמאל ביים ווערן דערטראנקען אין ים, נאר טויזנטער מאל א טאג וועלן מיר דורכגיין די טעם מיתה פון לעבן, א לעבן פון צעטיילטע עלטערן.

עמרם האט שטייטעלעך געענדיגט איר טיי, און אריינגעטראכט אין די ווערטער פון איר טאכטער מרים, וואס זענען געקומען פון טיפן הארצן.

„מרים, דו האסט דאך א פה מיט וואס דו האסט שוין אזויפיל פרויען געהאלפן בשעת ברענגען קינדער, און דאסמאל האט דיין מויל ווידראמאל געפועל'ט. איך וועל גיין צו טאטי און איבערשמועסן דיינע קלוגע ווארימע רייד. זיי געזונט מרים".

„א גוטן אוונט."

און אזוי האט מרים מיט איר מויל, איבערגערעדט אירע עלטערן זיי זאלן ווייטער לעבן צוזאמען בשלום, און זיי האבן אראפגעברענגט די הייליגע נשמה פון משה רבינו. כאטש אין די מינוט האט עס אויסגעקוקט ווי א צרה, א יונגל בעיבי איז געבוירן געווארן און מ'וועט אים דארפן אריינווארפן אין די וואסער, אבער יוכבד איז געווען א קלוגע פרוי מיט א שטארקע אמונה, און זי האט צוגעגרייט איר קינד משה'לע אין א קאסטן, און אזוי מיט

**איך ווייס אז מיינע עלטערן זענען חשוב און טייער, אבער היינט האט מיר מיין מאמע געמאלדן אז מיר וועלן שוין נישט זיין א גאנצע משפחה. ס'וועט זיין א טאטי הויז, און ס'וועט זיין א מאמי הויז.**

תפילות אים ארויסגעשיקט אויפ'ן ים, בעטנדיג דעם אייבערשטן פאר'ן קינד און גלייבנדיג פאר'ן צוקונפט.

מרים איז דארט געשטאנען אין די זייט און מיטגעהאלטן ווי איר ברודער משה'לע איז טאקע געראטעוועט געווארן פון די וואסער, און אונטער די נאז פון פרעה אויפגעהאדעוועט געווארן, ווייל עצת ה' היא תקום, דער אייבערשטער וועט אלעמאל אויספירן.

דער אייבערשטער רוקט ארום וועלטן א יעדע סקונדע אז ס'זאל זיך פירן פונקטליך וויאזוי זיין פלאן איז אויסגעשטעלט.

משה רבינו איז טאקע געווען דער גואל צדק וואס האט אויסגעלייזט די אידן פון די פינסטערע מצרים. אין יעדע דור איז דא א משה רבינו, א צדיק וואס איז גרייט זיך מוסר צו נפש זיין פאר'ן אייבערשטנ'ס וועגן און ארויסהעלפן אידן האבן א זיסע לעבן. לאמיר זיך אביסל אפלערנען פון די פרשה, לאמיר א טראפקעלע אריינטראכטן און זען וויאזוי האט זיך געפירט יציאת מצרים, די מסעות אין די מדבר.

עס איז געווען א פרוי, מרים, אונטער דעם וואס האט גענוצט איר מויל צום גוטן.

מיר פרויען וועלן אויך נוצן אונזער מויל, בעטן ביים אייבערשטן מיט קלוגע ווערטער, ברחמים ובתחנונים, ער זאל אונז העלפן אין א יעדע פראבלעם, רעדן צו אונזערע מענער זיסע רייד, הארציגע רייד, אמת'ע רייד, וואס אזוי קען מען פועל'ן גרויסע ישועות.

מרים האט שפעטער אין מדבר אויכעט אויפגעראכטן די אידישע קינדער מיט וואסער צום לעבן. דער באר של מרים איז געקומען אין איר זכות. וואסער איז דאך לעבן. דער הייליגער רבי, דער נחל נובע מקור חכמה, איז דא פאר אונז צו געבן לעבן. לאמיר נוצן פון די וואסער, פון די חיזוק און עצות פון הייליגן רבי'ן און זיין גרויסע תלמידים אין יעדן דור. זיך אנצוטרינקען, זיך שטארקן, דערפרישן, און זיך האלטן ביים לעבן. דאן ווען מ'האט שוין געכאפט דאס אטעם מיט'ן מים חיים. קענען מיר נוצן אונזער מויל צו שעפשן תפילות און אזוי וועלן מיר זוכה זיין אויפצושטעלן שטיבער, דורות וואס לעבט מיט משה רבינו וואס לעבט אין יעדן דור, און אזוי וועלן מיר ווערן אויסגעלייזט.

# געמאלן

א מעשה פון תפלה




געמאלן: ח' וועבערמאן תחי'

מעשה: משפחת פעקעטע

שיקט אריין אייער מאלעריי' צו:

845.379.1161 | BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM




קאליר דעם בילד

# שיחה אין בילד

- דעם רבינ'ס חדר



# שרייב טישל

הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן צו זען א בילד פון **הייליגן פני מנחם זי"ע**





בילד פון פארגאנגענע וואך: **דער הייליגער אמרי אמת זי"ע**

שיק אריין צום קינדערהיים ווי שיין דו האסט געקאלערט דעם פעידזש
און די שענסטע וועלן אריינגיין אין די קומענדיגע בלעטלעך אי"ה



גענווינער פון פראגאנגענע וואך: **יואלי און יצחק יעקב מארקוס**



# מענטשערליך

## די הינדעלעך חלק ג'

די נייעס האט זיך שנעל פארשפרייט און אלע שכנים האבן זיך געשטעלט נעבן די שטייג און געווארט אז די ציגן זאלן צוריק קומען, פלוצלונג האבן זיי געהערט א שטארקע גערודער, בררררר... בררררר... יעדע ציג פון ר' חנינא בן דוסא'ס סטאדע האט געהאלטן א בער אויף זיינע הערנער, די שכנים זענען אנטלאפן מיט שרעק און מער נישט געטשעפעט דער הייליגער תנא.

ר' חנינא בן דוסא זיצט אינדערהיים און לערנט תורה, פון די אפענע פענסטער בלאזט אריין א געשמאקע ווינטל.

פון אינדרויסן הערט ער א קול, "לאנג לאנג צוריק, האב איך דא איבערגעלאזט צוויי הינדעלעך", ר' חנינא בן דוסא איז שנעל ארויסגעלאפן, און געטראפן ר' מאטל אנגעלאנט אויף א צוים.

"דו האסט דא איבערגעלאזט צוויי הינדעלעך?" האט ר' חנינא בן דוסא אים געפרעגט "יא", האט ר' מאטל געענטפערט "ווי אזוי האבן זיי אויסגעזען?" האט ר' חנינא בן דוסא געבעטן פאר א סימן אזוי ווי די הלכה איז.

זיי זענען געווען גרויסע הינער מיט א גרויסע רויטע און ווייסע בענדל אויף זייער האלז". האט ר' מאטל זיך דערמאנט.

ר' חנינא בן דוסא איז געווארן זייער פריילעך, ענדליך וועל איך קענען מקיים זיין די מצוה פון השבת אבדה! האט ער אויסגערופן. זיינע קינדער זענען געקומען צו לויפן, און צוזאמען האבן זיי געוויזן פאר ר' מאטל די



בילדער: ח. מ. אפעלדארפער



שְׁטֵייג אָנְגֶעפִילְט מִיט צִיגְן.

"דָאס זֶענֶען אַלֶע דַיינֶע", הָאט ר' חֲנִינָא בֶּן דּוֹסָא גֶעזָאגְט.

"אִיךְ הָאבּ אִיבֶּערְגֶעלָאזְט הִינֶער, נִישְׁט צִיגְן, הָאט ר' מָאטְל גֶעזָאגְט פַארְוואוּנְדֶערְט, "קִינְדֶער, דֶערְצֵיילְט פַאר ר' מָאטְל וִוי אַזוֹי פוּן צְוֵויי הִינֶער אִיז גֶעוָוארְן אַזוֹיפִיל צִיגְן", הָאט ר' חֲנִינָא בֶּן דּוֹסָא גֶעזָאגְט, דִי קִינְדֶער הָאבְּן פְרֵיילֶעךְ דֶערְצֵיילְט וִוי אַזוֹי זֵיי הָאבְּן גֶעהִיטְן אוֹיף דִי הִינֶער, דֶערְנָאךְ זֵיי פַארְקוֹיפְט פַאר צִיגְן אוּן גֶעהִיטְן אוֹיף דִי צִיגְן בִּיז עֶר אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען.

"יִישַׁר כֹּחַ!" ר' מָאטְל הָאט זִיךְ בַּאדַאנְקְט פוּן טִיפְן הַארְצְן אוּן אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען מִיט זַיין גֶעטְרָאפֶענֶע פַארְמֶעגְן.

. . .

"מֶעג אִיךְ קָאלֶערְן מִיט דַיין נֵייעֶ בְּלַייעֶן?" הָאט גִיטִ'ס קְלֵיינֶע שְׁוֶועסְטֶער גֶעפְרֶעגְט.

"חַס וְשָׁלוֹם! עֶס אִיז נִישְׁט מַיינֶע". הָאט גִיטִי גֶעעֶנְטְפֶערְט. "אִיךְ וֶועל הִיטְן אוֹיף זֵיי בִּיז אִיךְ וֶועל טְרֶעפְן צוּ וֶועם עֶס בַּאלַאנְגְט".

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען טוּעֶן דִי מִצְוָה פוּן הֲשָׁבַת אֲבֵדָה", הָאבְּן זֵיי גֶעבֶּעטְן.

נָאךְ אַפָּאר מִינוּט הֶערְן זֵיי אַ קְלַאפּ אִין טִיר.

"פֵּיגֶא'לֶע אִיז בַּיי דִי טִיר", הָאט גִיטִי'ס מַאמֶע אִיר גֶערוּפְן.

"אִיךְ הָאבּ פְרִיעֶר פַארְלוֹירְן אַ פֶּעקְל שֵׁיינֶע קָאלִירְפוּלֶע בְּלַייעֶן אוּן מַיין בַּאבֶּע זָאגְט מִיר אַז דוּ הָאסְט עֶס גֶעטְרָאפְן", הָאט פֵּיגֶא'לֶע גֶעזָאגְט.

גִיטִי הָאט גֶעבֶּעטְן פַאר אַ סִימָן, "קוּק הָאט פֵּיגֶא'לֶע בַּאוִויזְן אִיר לֵיידִיגֶע שַׁאכְטְל". וֶוען אִיךְ בִּין צוּרִיק אַהֵיים גֶעלָאפְן פְרִיעֶר הָאבּ אִיךְ עֶרְגֶעץ אַרָאפְּגֶעלָאזְט דִי בְּלַייעֶן, עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען 10 אַנְדֶערֶע קָאלִירְן אוּן זֵיי פַּאסְטְן פּוּנְקְט אַרַיין אִין דִי שַׁאכְטְל", גִיטִי אִיז גֶעלָאפְן בְּרֶענְגֶען דִי בְּלַייעֶן אוּן יָא! זֵיי הָאבְּן פּוּנְקְט אַרַיינְגֶעפַּאסְט אִין דִי שַׁאכְטְל.

"שְׁכֹּחַ גִיטִי פַארְן הִיטְן אוֹיף מַיין פַארְלוֹירֶענֶע זַאכְן", הָאט פֵּייגִי גֶעזָאגְט.

"שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט טוּעֶן דִי מִצְוָה פוּן הֲשָׁבַת אֲבֵדָה" הָאט גִיטִי זִיךְ גֶעפְרֵיידְט.



דעם
# רבי'נ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**



**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי' האט געזאגט: "ווער עס שניידט די באָרד שניידט די פרנסה"

## ברסלב'ע חידות

**דער רבי' זאגט אין ספר המדות: ווער עס פארשפרייט דעם צדיק'ס ווערט**

א. פרייליך
ב. ערליך
ג. לעכטיג
ד. גוט

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

ווער דער רבי' האט געזאגט פאר ר' נתן "דו ביסט שוין פארכאפט אין מיין זאק", האט ר' נתן געענטפערט: "רבי', בינד מיך צו אין דיין זאק!"

## געב א שמייכל

**וועלכע ווען קען נישט פארן?**

געברענגט צו אייך דורך הר"ר אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** - חלק שני

**ח. הַנֶּחָמָה בָּא עַל יְדֵי אֱמוּנָה.**

זִיךְ טְרֵייסְטְן קֶען מֶען נָאר דוּרְךְ אֱמוּנָה.

